STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04846

13TER SHILER-KONKURS FUN KULTUR-KONGRES FAR ONHEYBSHULN UN MITLSHULN IN ARGENTINE

Permanent preservation of this book was made possible
by Arnold & Helene Gerall
in memory of
Barney Gerall

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

XIII CONCURSO ESCOLAR ANUAL

1966

ASOCIACION PRO CULTURA JUDIA

Ayacucho 483 Tel. 49 - 0080 Buenos Aires

13 טער שילער־קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס

פאַר אָנהייבשולן און מיטלשולן אין אַרגענטינע

דורכגעפירט זונטיק, דעם 28סטן אויגוסט

און זונטיק, דעם 4טן סעפטעמבער 1966

ערשטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

רחלע קונסט

צווייטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן:

דבורהלע לעווין

דריטע פרעמיע פאַר אָנהייבשולן

חוהלע קאָליעראָף

צו דערמוטיקן:

חייקעלע באריסאָניק

רפאל לין

ערשטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

זאב צבי ראָזענפעלד

צווייטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

מרים ראַטענבאַך

ליפּע ראָניגער

דריטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

חביבה גיווערצמאַן

מרים לערמאַן

צו דערמוטיקן:

צבי לאַנדוי

אַברהם קאול

שמואל חיים קאַוואָן

פון קולטור־קאָנגרעס

דער 13טער שילער־קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס — דער בר־מצווה־קאָנקורס — איז אַ געלעגנהייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער אויף דער טעמע: כוונה און דערגרייכונג.

וואָס האָבן מיר מכוון געווען מיט דעם שילער־קאָנקורס, וועלכן מיר פירן איצט דורך צום 13טן מאָל, אין משך פון די לעצטע 13 יאָר? מיר האָבן מכוון געווען, ראשית, צו סטימולירן דעם יידיש־לימוד אין אונדזערע שולן; צו דערוועקן סײַ בײַ דעם לערער, סײַ בײַ דעם שילער דעם חשק צו פאַרטיפן זיך אין דעם דאָזיקן לימוד; צו שענקען אים מער אויפמערקזאַמקייט און אויך מער ליבשאַפט.

שנית האָבן מיר דורך דעם דאָזיקן קאָנקורס געוואָלט קריגן אַ שפּיגל פאַר דעם מצב פון יידיש־לימוד אין אונדזער שולוועזן; האָבן אַ שטענדיק בילד ווי מיר האַלטן אויף דעם דאָזיקן געביט, וויסן ווו דער דאָזיקער לימוד גייט אויף אַ גוטן וועג און ווו ער געפינט זיך אין ירידה.

מיר מעגן זאָגן, אַז מיר האָבן ביידע כוונות רעאַליזירט: בײַ די 814 שילער און שילערינס וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אונדזערע 13 קאָנקורסן האָבן מיר זיכער דערוועקט חשק זיך מער אָפּצוגעבן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע. דאָס זעלביקע בײַ די לערער וועלכע האָבן די אַלע שילער צוגעגרייט צו די קאָנקורסן.

מיר האָבן זיי אַלעמען סטימולירט דורך אונדזערע פּאַרמעסטן.

פון דער אַנדערער זײַט האָבן מיר דורך די קאָנקורסן געקריגן אַ כסדר־דיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם יידיש־מצב אין אונדזערע שולן און אַ דאַנק דעם זײַנען מיר בכוח אָנצוצייכענען אַ גענויע מאַפּע פון אונדזער שולוועזן, סײַ אין פּונקטן ווו יידיש ווערט געלערנט, ערגער אָדער בעסער, און אויך — ווו יידיש לשון איז אין די לעצטע יאָרן לחלוטין באַזײַטיקט געוואָרן פון לערן־פּראָגראַם.

דער אמת איז, אַז מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט באַגנוגנט מיט דער

פּאַסיווער ראָל פון שפּיגל, וואָס ווײַזט בלויז די זאַכן ווי זיי זײַנען און נעמט נישט קיין שטעלונג צו דעם ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זײַן.

אויף להבא וועלן מיר נישט בלײַבן קיין פּאַסיווע צוקוקער צו די פאַקטן און מיר וועלן אויך ווײַטער אַלאַרמירן וועגן די געפאַרן וואָס לויערן אויף ייִדיש אין דעם בית היוצר פון אונדזער צוקונפט. און די געפאַרן, מוזן מיר מיט ווייטיק צוגעבן, זײַנען פאַראַן, זײַנען רעאַל און זיי פאַרמערן זיך כסדר.

שילער־קאָנקורסן זײַנען אָבער נאָר אַ טייל פון אונדזער קולטור־אַרבעט אין לשון ייִדיש, פּונקט ווי דער קאַמף וועגן דער מערכה פון ייִדיש אין אונדזער שולוועזן איז נאָר אַ טייל פון אונדזער קאַמף פאַר דעם המשך פון אונדזער מזרח־אייראָפּעיִשער קולטור־ירושה. דערפאַר ווענדן מיר זיך צו יעדן ייִד, צו יעדן פרײַנד פון דער ייִדישער קולטור, צו יעדן וועלכן עס איז נאָענט און טײַער דאָס ייִדישע לשון:

העלפט אונדז אין אונדזער ווײַטערדיקער אַרבעט!

ווערט מיטגלידער און פּראָטעקטאָרן פון אונדזער אינסטיטוציע!

שטיצט די שילער־קאָנקורסן פון קולטור־קאָנגרעס!

העלפט אונדז בויען דאָס שמעון דובנאָוו־הויז וואָס וועט זײַן די פעסטונג פון ייִדיש און ייִדישער קולטור אין אונדזער ישוב.

אַ וואָרט צום בר־מצווה־קאָנקורס פון דער זשורי

ביים בר־מצווה־קאָנקורס איז כדאי צו מאַכן אַ קורצן סך־הכל פון אַט דער וויכטיקער דערציִערישער איניציאַטיוו.

אין משך פון דרייצן יאָר האָבן 814 שילער פון אונדזערע אָנהייב־ און מיטלשולן זיך באַטייליקט אין די דערמאָנטע קאָנקורסן.

די טעמעס וואָס זיינען פון דער זשורי אָנגעגעבן געוואָרן זיינען געווען פון די געלערנטע קענטשאַנדן, ווי: שפּראַך, געשיכטע, ימים־טובים, ליטע־ראַטור, תנך און געזעלשאַפטלעכע קענטעניש.

פון די שריפטלעכע אַרבעטן האָט מען בולט געזען אַן ערנסטע פאַר־בינדונג פון די תלמידים מיטן ייִדישן לעבן און ביי יעדן קאָנקורס איז גע־ווען אַ נחת־רוח צו פילן די טיפע בענקשאַפט מצד די תלמידים צו ייִדיש־קייט, צום ייִדישן פאָלק און זיינע אַספּיראַציעס.

קומט דעריבער דעם קולטור־קאָנגרעס אַ יישר־כוח פאַר אַט דער גע־לונגענער און וויכטיקער איניציאַטיוו.

זאָל אַט דער הייניטיקער קאָנקורס אונדז אַלעמען סטימולירן ממשיך צו זיין די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט וואָס דערמעגלעכט איינצופלאַנצן אין דעם יונגן דור דעם גלויבן אין נצח־ישראל און ווייטער אַרבעטן פאַר ייִדישקייט, וואָס איז אונדזער גורל און אונדזער אמת.

פּראָטאָקאָל

די זשורי פֿאַרן 13טן שילער־קאָנקורס פֿון די אָנהייבשולן און מיטלשולן אין באַשטאַנד פֿון די חברים צבי בראָנשטיין, פֿון ועד החינוך; שעפּסל נייהויז, פֿון דער לערער־אָרגאַניזאַציע; הדסה האַל־פּערין און בנימין עדעלשטיין, פֿון קולטור־קאָנגרעס, פֿאַרזאַמלט שבת דעם 10טן סעפּטעמבער און שבת דעם 1טן אָקטאָבער 1966, האָט נאָכן איבערלייענען די 26 אַרבעטן פֿון די תּלמידים פֿון די אָנהייב־שולן, און די 28 אַרבעטן פֿון די מיטלשול־תּלמידים, באַשלאָסן צו פֿאַרטיילן די פּרעמיעס אויף דעם פֿאָלגנדיקן אופֿן:

פֿון דער אָנהייבשול:

ערשטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 9 — **רחלע קונסט**, שילערין פֿון 7טן גראַד „א״ שלום עליכם־שול, טעמע: אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס.

צווייטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 7 — **דבורהלע לעווין**, שילערין פֿון 7טן גראַד „א״ שלום עליכם־שול, טעמע: אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס.

דריטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 22 — **חוהלע קאָליעראָף**, 7טער גראַד ח. נ. ביאַליק־שול, וו. סאַהאָרעס, טעמע: אַ קבלת־שבת ביי מיר אין שול.

ערשטע סטימול־פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 16 — **חייקעלע באָריסאָניק**, פֿון 7טן גראַד י. ל. פּרץ־שול אין צענטער, טעמע: אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס.

צווייטע סטימול־פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 21 — **רפֿאל לין**, שילער פֿון 5טן גראַד ח. נ. ביאַליק־שול, וו. סאַהאָרעס, טעמע: אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס.

פֿאַר דער מיטלשול:

ערשטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 9 — **זאב צבי ראָזענפֿעלד**, שילער

פֿון דער מחלקה 7, סעמינאַר, טעמע: „וואָס ווייס איך וועגן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע”.

צווייטע פּרעמיע א׳ פֿאַרן נומ׳ 5 — **ליפּע ראַניגער,** מחלקה ה׳ סעמינאַר, טעמע: „פֿאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער”.

צווייטע פּרעמיע ב׳ פֿאַרן נומ׳ 13 — **מרים ראַטענבאַך,** מחלקה ו׳, סעמינאַר, טעמע: „וועלכע ביכער באַרייכערן מיין לעבן”.

דריטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 14 — **חביבה גיווערצמאַן,** מחלקה ו׳, סעמינאַר, טעמע: „פֿאַרוואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער”.

צווייטע דריטע פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 8 — **מרים לערמאַן,** מחלקה ו׳, סעמינאַר, טעמע: „וואָס ווייס איך וועגן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע”.

ערשטע סטימול-פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 24 — **צבי לאַנדוי,** מחלקה ה׳, סעמינאַר, טעמע: „פֿאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי פּאָפּולער און באַליבט”.

צווייטע סטימול-פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 25 — **אַברהם קאול,** מחלקה ד׳ שלום עליכם-מיטלשול, טעמע: „פֿאַרוואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער”.

דריטע סטימול-פּרעמיע פֿאַרן נומ׳ 2 — **שמואל חיים קאַוואַן,** מחלקה ה׳. שלום עליכם-מיטלשול, טעמע: „די השכלה-באַוועגונג און איר השפּעה אויפֿן ייִדישן לעבן”.

די זשורי שטעלט פֿעסט און האַלט פֿאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז הײַ-יאָר זיינען אַריינגעקומען אַ גרויסע צאָל ווערטפֿולע אַרבעטן פֿון די מיטלשול-תלמידים און אַ גרויסע צאָל פֿון זיי, אַפֿילו פֿון די נישט-פּרעמירטע, זיינען ראוי פּובליקירט צו ווערן. מיר ראָטן דעם קולטור-קאָנגרעס צו נעמען אין אַכט אָט די דאָזיקע רעקאָמענדאַציע.

די שריפֿטלעכע אַרבעטן האָבן באַוויזן די איבערגעגעבנקייט פֿון די שילער און די ערלעכע דערציִונג-אַרבעט פֿונעם ייִדישן לערער און דער ייִדישער שול.

שולן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין 13טן תלמידים־קאָנקורס
פון קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע

אָנהייבשולן:

ה. נ. ביאַליק־שול, וו. סאַהאַרעס

מדינת ישראל־שול

י. ל. פרץ־שול אין צענטער

משה רובין־שול

צענטראַלע שלום עליכם־שול

מיטלשולן:

ייִדיש־העברעיִשער לערער־סעמינאַר בײַ דער קהילה

שלום עליכם מיטלשול

י. ל. פרץ, מיטלשול

מכון לימודי היהודית

ד י ז ש ו ר י:

צבי בראָנשטיין — ועד החינוך

שבתי גייהויז — לערער־אָרגאַניזאַציע

יצחק שפיגל — לערער־אָרגאַניזאַציע

הדסה האַלפערן — קולטור־קאָנגרעס

בנימין עדעלשטיין — קולטור־קאָנגרעס

שילערס וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין תלמידים־קאָנקורס 1966

אָנהייבשולן

אובפאַל לאהלע
אָסטראָווסקי רייזעלע
אפשטיין מאָטעלע
באום חיים
באריסאָניק חייקעלע
גאָרטענשטיין אבי
דורין שולמית
לין רפאל
לייב דאָבעלע ברודאלע
לעווין דבורהלע
לעווין יונה
מיקדאַלען שרהלע
מאלקאָס חולה

ניעזני אריה לייבעלע
פאדקאָמינסקי מירעלע
פעלדמאַן גאָלדעלע
פרישמאַן דינה
קאליעראָף חולה
קאָהאַן לאה
קונסט רחלע
קויפמאַן אלכסנדר
קראמער לייזער
רייכמאַן מענדל
שולאק מלכהלע
שוסטערמאַן בלימע
שטאכלער הערשעלע

מיטלשולן

אייזנשטיין מאַשע
אנטענבערג צבי
באבעק אָדע
גיוורצמאַן חביבה
גערענשטיין שיינדעלע
דאַנציגער רות
האאר שלמה
חוקין בתיה
חסיד צפורה
לאַנדאַו נח
ליבסאָן אברהם
לנדה פנחס
לערמאַן מרים
מאריאש תמר

מיראָנטשיק יוסף
נוסבוים מרים
סעמיאָטיצקי חיה
פרידמאַן חנה
קאול אברהם
קאוואן שמואל
קריגער אסתר
ראָניגער ליפע
ראָזענפעלד אברהם
ראָזענפעלד זאב צבי
ראָטענבאַך מרים
שאַפּיראָ באַשע
שטרייכער דינה
שיכט פריידעלע

די טעמעס, וואָס די זשורי פֿונעם 13טן שילער־קאָנקורס האָט געגעבן אויסצוקלייבן די תּלמידים פֿון אָנהייב־שולן:

1) אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס;

2) פֿאַר וואָס האָט יוחנן בן זכּאי געבעטן יבֿנה;

3) וואָס ווייס איך וועגן דער תּקופֿה גירוש שפּאַניע;

4) אַ קבלת־שבת בײַ מיר אין שול;

5) פֿון וואַרשעווער געטאָ ביז מדינת ישׂראל.

די טעמעס, וואָס די זשורי פֿונעם 13טן שילער־קאָנקורס האָט געגעבן אויסצוקלײַבן די תּלמידים פֿון די מיטלשולן:

1) ברכה און קללה פֿון אײַזן בשײַכות מיט אַ וויזיע פֿון אַ נבֿיא;

2) פֿאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער?

3) וואָס ווייס איך וועגן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע (געשיכטע און אַנטוויקלונג);

4) די השׂכּלה־באַוועגונג און איר השפּעה אויפֿן ייִדישן לעבן;

5) וועלכע ביכער באַרײַכערן מײַן וועלט.

דעם תּלמידים־קאָנקורס 1966
האָבן סובסידירט

ד״ר מאַרקאָס און בעלאַ
פ ר י ש מ אַ ן
און אסתּר פּאָדגאָעצקי

פרעמיעס און פרעמירטע אין 13טן תלמידים-קאָנקורס

ערשטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

זאב צבי ראָזענפעלד

אַ שפּיגל אויף אַ שטיין — אַנטאָלאָגיע (פּאָעזיע און פּראָזע
פון 12 פאַרשניטענע יידישע שרייבער אין ראַטן-פאַרבאַנד)
שמעון ראַווידאָוויטש — שריפטן
י. ראַפּאָפּאָרט — זוימען אין ווינט
אַברהם זאַק — אין קעניגרייך פון יידישן וואָרט
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט-זשורנאַל)

צווייטע פרעמיע א' פאַר מיטלשולן:

מרים ראָטענבאַך

ש. דובנאָוו — דאָס בוך פון מיין לעבן, 1—3
ש. ניגער — י. ל. פּרץ
ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
י. ראַפּאָפּאָרט — זוימען אין ווינט
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט-זשורנאַל)

צווייטע פרעמיע ב' פאַר מיטלשולן:

ליפּע ראָניגער

ש. דובנאָוו — דאָס בוך פון מיין לעבן, 1—3
ש. ניגער — י. ל. פּרץ
ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
י. ראַפּאָפּאָרט — זוימען אין ווינט
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט-זשורנאַל)

דריטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

חביבה גיווערצמאַן

ש. דובנאָוו — געשיכטע פֿון חסידיזם, 1—3
ש. ניגער — י. ל. פּרץ
ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
י. ראַפּאָפּאָרט — זוימען אין ווינט
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט-זשורנאַל)

דריטע פרעמיע פאַר מיטלשולן:

מרים לערמאַן

ש. דובנאָוו — געשיכטע פֿון חסידיזם, 1—3
ש. ניגער — י. ל. פּרץ
ש. ניגער — קריטיק און קריטיקער
י. ראַפּאָפּאָרט — זוימען אין ווינט
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט-זשורנאַל)

1טע דערמוטיקונג:

צבי לאַנדוי

ה. לייוויק — עסייען און רעדעס
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט-זשורנאַל)

2טע דערמוטיקונג:

אברהם קאול

ה. לייוויק — עסייען און רעדעס
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט-זשורנאַל)

3טע דערמוטיקונג:

שמואל חיים קאַוואַן

ה. לייוויק — עסייען און רעדעס
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט-זשורנאַל)

פרעמיעס און פּרעמירטע אין 13טן תלמידים־קאָנקורס

ערשטע פּרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן:

רחלע קונסט

יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
שלום עליכם — טביה דער מילכיקער
ה. ד. נאָמבערג — אויסגעקליבענע שריפֿטן
יעקב דינעזאָן — יאָסעלע — דער קריזיס
יודל מאַרק — היסטאָרישע געשטאַלטן
יעקב פּאַט — חנהקע
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יִדישער יוגנט־זשורנאַל)

צווייטע פּרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן:

דבורהלע לעווין

יודל מאַרק — היסטאָרישע געשטאַלטן
יעקב פּאַט — הענעך
דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק
יעקב דינעזאָן — יאָסעלע — דער קריזיס
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יִדישער יוגנט־זשורנאַל)

דריטע פּרעמיע פֿאַר אָנהייבשולן:

חוהלע קאַליעראָף

יודל מאַרק — היסטאָרישע געשטאַלטן
דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק
י. ל. פּרץ — 10 לידער (מיט נאָטן)
יעקב דינעזאָן — יאָסעלע — דער קריזיס
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער יִדישער יוגנט־זשורנאַל)

1טע דערמוטיקונג:

חייקעלע באָריסאָניק

דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק
געטאָ־לידער (מיט נאָטן)
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט־זשורנאַל)

2טע דערמוטיקונג:

רפאל לין

דאָס טאָגבוך פֿון אַנאַ פֿראַנק
געטאָ־לידער (מיט נאָטן)
„יוגנטרוף" (אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט־זשורנאַל)

זאב צבי ראָזענפעלד, 16 יאָר

6טער יאָר לערער־סעמינאַר.

קאָנקורס־נומ׳ 9 — 1טע פּרעמיע

וואָס ווייס איך וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע

מיט זעקס יאָר צוריק האָבן מיר מיט גרויס פרייד געפייערט אַ צוויי־פאַכיקע דאַטע וואָס צייכנט אָן אַ וויכטיקן פּעריאָד אין דעם לעבן און אַנט־וויקלונג פון אונדזער גרויסער אַרגענטינע. די ערשטע דאַטע איז פאַרבונדן אויסשליסלעך מיט דער אַרגענטינער געשיכטע, דאָס הייסט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ היסטאָרישע דערמאָנונג, און דאָס איז — 150 יאָר פון דער מײַ־רעוואָלוציע, וואָס האָט געגעבן די פרייהייט פאַר אונדזער גרויס פאָטערלאַנד.

אָבער גלייכצייטיק טרעפן מיר זיך מיט אַ געשעעניש וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן לעבן אין אַרגענטינע: 100 יאָר יידישע קאָלאָניזאַ־ציע. אַזוי איז דאָס טאַקע. אין 1860 זיינען אָנגעקומען די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די בלוטיקע פּאָגראָמען און געהאָפט צו טרעפן אין פרייען לאַנד, אַרבעטס־מעגלעכקייט, פּרנסה און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער פון אַלץ — פרייהייט און רעספּעקט פאַר די מענטשלעכע רעכטן, אָן פאַרפאָלגונגען און דיסקרי־מינאַציעס צוליב זייער יידישן אָפּשטאַם.

דעם ערשטן דאָקומענט פון דעם יידישן לעבן און די לעבנס־באַדינגונ־גען אין די קאָלאָניעס, געפינען מיר אין „מעמוארן פון אַ יידישן קאָלאָניסט״, געשריבן פון דעם ערשטן יידישן שרייבער וואָס האָט באַטראַכטן די אַרגענ־טינער ערד. איך רייד בלי שום ספק פון מרדכי אַלפּערסאָן, וואָס איז גע־קומען מיט זיין פרוי און קינדער אויף דער שיף „טיאָקאָ״ און אויפריכטיק באַשריבן די ערשנדיקע באַדינגונגען, גאַנץ שלעכטע על פּי רוב, מחמת דער גרויסער אָרעמקייט, די עפּידעמיעס, און אויב דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק, האָט מען נאָך געדאַרפט אויסהאַלטן פון די אָפּטע איבערפאַלן פון די גאַוטשאָס, וואָס האָבן באַרויבט די אָרעמע קאָלאָניסטן נאָך זייער שווע־רער האָרעוואַניע.

זיינע „מעמוארן״ האָט מרדכי אַלפּערסאָן צעטיילט אין עטלעכע קאַפּיט־

לעך, אָבער אַלע צוזאַמען גיבן אונדז אַ קלאָר בילד פון דער קאָלאָניזאַציע אין אַלגעמיין.

אין „אַ לעגענדע במקום הקדמה" דערציילט אונדז אַלפּערסאָן, ווי אַזוי עס איז באַשאַפן געוואָרן דער דאָזיקער געדאַנק פון דעם ייִדישן באַזעצן זיך אין אַרגענטינע.

דער באַראָן משה הירש האָט פאָרגעלייגט זיין פּלאַן פאַר אַ פריינד, בשעת זיין צניעותדיקע פרוי קלאַראַ, האָט געעפנט איין טעלעגראַמע נאָך דער אַנדערער און געבראָכן די הענט, דערוויסנדיק זיך פון די אומציילקע פאָגראָמען.

אין דער אמתן איז מדרכי אַלפּערסאָנס שיף נישט געווען די ערשטע וואָס איז צוגעקומען צו די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ־טייך. די חלוץ־שיף איז געווען „וועזער", וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קאַרגע פינף הונדערט אימיגראַנטן, און וואָס איר געטרויע רשימה געפינט זיך אין דעם יובל־בוך „50 יאָר ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע" פון יוסף מענדעלסאָן. דאָס ווערק, פונקט ווי די „מעמוארן" פון מרדכי אַלפּערסאָן, איז אויך אַ לעבעדי־קער דאָקומענט פון דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון די ייִדישע קאָלאָ־ניעס אין אַרגענטינע, ווי: מאָנטעפיאָרע, נאַרסיס לעוועז, קאָלאָניע קלאַראַ, פּאַלאַסיאָס, מאָזעסוויל, מאָניגאָטעס און מאַוריציאָ. דאָס זיינען שוין גאָר קאָמפּלעטע באַשרייבונגען, אילוסטרירט מיט מאַפּעס, פון די ייִדישע קאָלאָ־ניעס און דאָס לעבן פון די קאָלאָניסטן. מיר טרעפן דאָרט אַן אינטערעסאַנטע אָנדייטונג אין שייכות מיט דער קאָלאָניע מאָזעסוויל. די גרעסטע טייל מיי־נען, אַז מאָזעסוויל רופט זיך אַזוי אַן נאָך דעם באַראָן משה הירש, אָבער עס איז נישט אַזוי. זי הייסט מאָזעסוויל דווקא נאָך משה רבנו, ווייל עס זיי־נען דאָ באַווייזן, אַז דער נאָמען האָט עקסיסטירט נאָך איידער עס איז צו־שטאַנד געקומען דעם באַראָן הירשס ריזיקע אונטערנעמונג.

די קאָלאָניסטן אין פּאַלאַסיאָס און אין מאָזעסוויל און אין אַלע אַנדערע פּרימיטיווע ישובים האָבן טאַקע שווער געליטן פון אַלע צרות צוזאַמען. דאָס ערשטע וואָס עס האָט געקראָגן די קאָלאָניע פּאַלאַסיאָס, איז געווען אַ בית־עולם. איינס נאָכן אַנדערן זיינען די קינדער אויסגעשטאָרבן, טיילווייז פון הונגער און טיילווייז פון די עפּידעמיעס. די צוגעזאָגטע אַרבעטס־מכשי־רים האָט מען קיין מאָל נישט צוגעשיקט און די לאַגע איז געווען וואָס אַ מאָל ערגער. אָבער דאָך האָט מען נישט פאַרלוירן דעם בטחון און זיך נישט אונטערגעגעבן.

אַ דאַנק זייער בטחון און זייער מי איז היינט מאָזסעוויל אַ גרויסע און וויכטיקע שטאָט אין סאַנטאַ־פע.

וואָס שייך בוענאָס־איירעס, איז נישט נייטיק צו דערמאָנען אַז היינט צו טאָג ווערט זי פאַררעכנט פאַר דער שטאָט אין אַמעריקע, וואָס היט בעסער אָפּ דעם יידישן גייסט און טראַדיציע.

עס איז אמת, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן וווינען פיל מער יידן ווי אין אַרגענטינע, אָבער דאַקעגן איז אַ וויטיק אָנצוקוקן אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג און די אָרעמע יידישע בילדונג וואָס עס קריגן די קינדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַכציק פּראָצענט, אויב נישט נאָך העכער, ווערט דאָרט געלערנט אויף ענגליש. אַן איינצלנער אויסנאַם איז דער לערער־סע־מינאַר אין ניו־יאָרק, וואָס קאָנקורירט מיט אונדזערן אין בוענאָס־איירעס.

דאַקעגן, אָבער, איז אַ פאַרגעניגן צו זען דעם פאַרנעם פון די יידישע שולן אין בוענאָס־איירעס און אין אַרגענטינע בכלל. די צענטראַלע שול־אָר־גאַניזאַציע אין אַרגענטינע (ועד החינוך המרכזי), שמט אין דער ברייטער עפנטלעכקייט ווי אַ מוסטער־אָרגאַניזאַציע פאַר יידישער בילדונג און דער־ציונג.

יידן האָבן זיך גלייכצייטיק אַרויפגעאַרבעט אויך אויפן סוחרישן גע־ביט, די וויכטיקסטע פאַבריקן זיינען אין יידישע הענט. היינט בלייבן שוין פאַקטיש קיין שפּורן פון יענע ערשטע קאָלאָניסטן, די אַרגענטינער חלוצים, אָדער „די גאַוטשאָס כודיאָס״, ווי עס האָט זיי באַצייכנט אַלבערטאָ גערשו־נאָוו. עס בלייבט אָבער זייער אַרבעט, זייערע אויפטוען און לאַנג־יאָריקע האָרעוואַניע און ליידן וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען. נאָר אַ דאַנק זיי, זיינען היינט סאַנטאַ־פע און ענטרע־ריאָס דאָס וואָס זיי זיינען.

און אויף צו פאַרענדיקן, לאָמיר געבן אַ קורצע רעצענזיע פון די פּיאָ־נערן אויף אַלע געביטן פון דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע. אין דער ליטעראַטור מרדכי אַלפּערסאָן און אַלבערטאָ גערשונאָוו; אין דער מעדיצין — דער אומפאַרגעסלעכער נח ירחי; אין דער אַגראָנאָמיע — דער אינזשי־ניער מיגעל סאַכאַראָוו, און אין דעם זשורנאַליזם — מיכל הכהן סיני, דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין אַרגענטינע. לאָמיר, בכן, אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד די אַרגענטינער יידישע חלוצים, וואָס האָבן בעצם נישט ווייניקער אויפגעטאָן דאָ ווי די ישראלדיקע חלוצים. ביידע האָבן דערמעגלעכט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פריי לעבן און אַ בליִענדיקע אַנטוויק־לונג.

אָנטיילנעמער אין דרייצנטן יערלעכן תלמידים־קאָנקורס ביים קולטור־קאָנגרעס פאַר מיטלשולן און סעמינאַרן,
דעם 4טן סעפּטעמבער 1966

מרים ראַטענבאַך, 17 יאָר
מחלקה ו׳, לערער־סעמינאַר.
קאָנקורס־נומ׳ 13 — 2טע פרעמיע

וועלכע ביכער באַרײַכערן מײַן לעבן

צווישן די ביכער וואָס קענען זײַן ווי אַ מוסטער אין מײַן לעבן, קען איך אָנרופן די ביכער פון די קומענדיקע מחברים: פרץ, מאָריס ראָזענפעלד, מאַרק וואַרשאַווסקי.

צווישן פרץ און מענדעלע ווערט געמאַכט אַן אונטערשייד און אין דער זעלבער צייט אַ פאַרגלייך: מענדעלע ווערט אָנגערופן ווי דער קאָלומבוס פון דער יידישער ליטעראַטור און פרץ איז דער נאַפּאָלעאָן. פאַר וואָס? ווייל מענדעלע האָט אַנטדעקט אַ וועלט מיט זײַנע ווערק און פרץ האָט זי אײַנגענומען.

פרץ איז אַזאַ טיפֿ שרייבער, אַז ווען מיר ווילן אים קענען מוזן מיר זיך אַרײַנטיפן אין זײַן פּערזענלעכקייט, אין זײַן לעבן.

פרץ האָט געלעבט אין אַזאַ עפּאָכע פון טראַדיציע פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט, און די דאָזיקע השפעה פון דער צייט, די לאַגע, זעען מיר זייער קלאָר אין זײַנע ווערק. עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן פרץ אין 19טן י״ה און פרץ אין 20סטן י״ה. עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן מאָניש (1888) און די גאָלדענע קייט (1901).

אין 19טן י״ה איז פרץ אַ טיפער משכיל, אין 20סטן י״ה איז פרץ חסידיש.

אין פרצעס ביידע ווערק זײַנען דאָ רייכע באַגריפן וואָס ווייזן אים ווי אַ דיכטער מיט פּערזענלעכקייט און בטחון. פרץ באַשרייבט אין זײַנע ביכער פאַרשיידענע טיפּן מענטשן. אין זײַן דערציילונג „שלום בית״, שילדערט ער דעם אידעאַלן מאַן, דער וואָס וויל זיך נישט צעשיידן פון זײַן ווייב אַפילו אין עולם־הבא, און וויל דווקא מיט איר דערגרייכן גאָטס צדק.

פרץ באַווײַזט אַ סך טיפּן פון גוטע מענטשן. אין זײַן דערציילונג „באָנטשע שווײַג״, ווייזט אונדז דער מחבר די געשעענישן פון אַ מענטש, וואָס האָט קיין הנאה נישט געהאַט פון זײַן לעבן, נישט געהאַט קיין פרייד,

געליטן, און ווען עס איז געקומען די צייט און ער האָט שוין זוכה געווען צו האָבן אַ ביסל פרייד אין עולם הבא, האָט ער נאָר געבעטן... אַ בולקע מיט פוטער.

מען קען אויך מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע טיפּן מענטשן וואָס פּרץ באַווייזט אין זיין ווערק אין 19טן י״ה: גוטע מענטשן, פּראָסטע און אויך קינדער. ער שילדערט אין זיין דערציילונג „דאָס קראַנקע יינגל״ די ביטערע קראַנקייט פון אַ יידיש קינד; פון וואָס האָט ער געליטן? ער האָט געפאָדערט פון דער וועלט גלייכקייט, גלייכקייט אין דער ליבע פון זיין טאַטע־מאַמע, גלייכקייט צווישן שול און קלויסטער. ער האָט געקוקט אויף דער שול און געזען ווי נידעריק זי איז און ער האָט געקוקט אויף דעם קלויסטער און געזען ווי הויך ער איז, און אַזוי האָט ער געפאָדערט נאָר... גלייכקייט: דאָס איז געווען זיין קראַנקייט, זיין אומעט און זיינע ליידן. די דאָזיקע פּראָבלעמען פון קינדער־דאגות ווייזט אונדז פּרץ אויך אין דער דערציילונג פון „וואָס איז נשמה״ — דאָס קינד וויל זיך דערוויסן דעם טייטש פונעם וואָרט „נשמה״. ביז ער איז געקומען צו אַ הסכמה, אַז נשמה איז אַ סינאָנים פון ליבע.

דער מחבר באַאַרבעט פאַרשיידענע פּראָבלעמען; און איינע פון די וויכטיקסטע: „בילדונג״. אין דעם דאָזיקן עסיי זעען מיר פּרצעס אידענטיפיצירונג און זיין טיפע פּערזענלעכקייט. דאָס איז דער „אַני מאַמין״ פון י. ל. פּרץ.

פּרץ וויל בילדן דאָס פאָלק, און אַזוי בעט ער אויך די אַלע וואָס קענען איבערגעגעבן זייער וויסנשאַפט, אַז זיי זאָלן בילדן דאָס פאָלק.

און וואָס מיינט דאָס וואָרט פאָלק? פאָלק מיינט די פאַראייניקונג פון אַלע דורות, פון אברהם אָבינו ביז היינטיקע יידן.

די אַלע פּראָבלעמען באַאַרבעט פּרץ אין זיינע ווערק פון 19טן י״ה. אין 20סטן י״ה איז ער אַנדערש, ראָמאַנטיש, מער ליריש. זיין קולמינאַציע אין זיין דערהויבונג איז געווען „די גאָלדענע קייט״. פאַרוואָס איז פּרץ אַזוי פאַרליבט אין „די גאָלדענע קייט״? דאָס איז אַ סינטעז פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, מיר געפינען עשירות פון טעמעס, פון געשטאַלטן. דאָ באַווייזט זיך פּרץ אַנדערש, ער האָט שוין באַקומען אין דער צייט די השפּעה פון די וועלטלעכע טענדענצן: קירקעגאַרט און איבסען; זיי באַאַרבעטן ספּעציעל די פּראָבלעם פון דעם שייכות פון יחיד און כלל, פון די דורות. „די גאָלדענע קייט״ איז אַ חסידישע פאַמיליע־דראַמע איינגעטיילט אין

דריי אַקטן: דער ערשטער אַקט איז סימבאָליש, דער צווייטער איז ראָמאַנ־טיש און דער דריטער איז רעאַליסטיש. די דראַמע באַשטייט אין אַ שווער פּראָבלעם פון דורות; פון עגאָיזם און סאָלידאַריטעט, פון יחיד און כלל. עס איז דאָ אויך אַנדערע שווערע פּראָבלעמען, ווי למשל, דער אונטערשייד צווישן די רייכע און אָרעמע חסידים; די ערשטע זיינען מער מאַטעריעל, זיי קומען אָן צו אַ שרעקלעכער סענסאַציע, בעת די אָרעמע חסידים ווייזן אַרויס אַ גרויסע אמונה און בטחון צום רבין. דאָס איז די וויכטיקע פּראָ־בלעם פון דער דראַמע; דער אונטערשייד פון די רינגען וואָס עס זיינען דאָ אין דער קייט, די רינגען סימבאָליזירן די דורות און די קייט, די גאָל־דענע קייט, סימבאָליזירט די ייִדישע אמונה, דאָס ייִדישקייט וואָס וועט קיין מאָל נישט נעלם ווערן.

דאָס ווייזט די ברייטע פּאַנאָראַמע פון פּרצעס שאַפונגען, און זיין טיפע פּערזענלעכקייט וואָס באַלויכט און באַווירקט די לייענערס; דערפאַר איז פּרץ דער גרעסטער מחבר, און זיינע ביכער באַרייכערן מיין וועלט.

פּרץ בלייבט ווי אַ מוסטער פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. ער איז אַ טאַלאַנט און זיינע זיינען שאַפונגען אַ קאָמפּאַס פאַר דעם ייִדישן לעבן פון אַלע צייטן און זיי פאַרבינדן אונדז מיט די רינגען פון „די גאָל־דענע קייט“. פּרץ ווייזט אַרויס ליבע צום ייִדישן קינד, צום פּראָסטן ייִד און צום כלל, און די דאָזיקע ליבע באַווירקט אין אַלע זיינע דערציילונגען. זיינע ליטעראַרישע אויסדרוקן גיט ער איבער אין אַ קלאָרער און ספּעציעלער פאָרעם. פּרץ איז פאַרליבט אין ייִדיש און אין עברית, און אויך אין ליטע־ראַטור. און ווייל פּרץ איז דער עקספּאָנענט פון דעם ייִדישן שרייבער, קענען זיינע אידייען און זיינע ביכער באַרייכערן אונדזער וועלט פון היינט און פון מאָרגן.

ליפּע ראַניגער, 17 יאָר
5טער יאָר לערער־סעמינאַר.

קאָנקורס־נומ׳ 5 — 2טע פּרעמיע

פאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער

אַ ייִד איז צוגעקומען צו אַ מענטש, האָט אים געקושט די האַנט און געזאָגט וויינענדיק: „איר זייט דאָס אונדזער טרייסט, איר פאַרזיסט אונדז דעם עול פון גלות“. — דאָס איז געשען אין וואַרשע, און דער דאָזיקער מענטש איז געווען שלום ראַבינאָוויטש, דער וואָס איז דערשינען פאַרן עולם מיטן ברייטן „שלום־עליכם!“.

די ליטעראַטור פאַר שלום עליכמען האָט געהאַט פאַרשלאָסן אירע טויערן פאַרן געלעכטער, פאַר דער האַרציקער פרייד, פאַר דעם „ספר־הקונדס“; די ליטעראַטור איז געווען אַ טעמפּל, דער „היכל־הספר“, וואָס האָט זיך געשטעלט פעסט און זיכער און האָט נישט געוווּסט פון קיין קונדס־ליטעראַטור, פון סתם פאַרוויילונג. זי האָט געהאַט אין זיך ערנסטן פּאַטאָס און גיפטיקן סאַרקאַזם (די עלעמענטן פון גאַל און בייזקייט). דער ייִד האָט זיך געזען אין גראָטעסק (ווען ער האָט זיך שוין יאָ געזען) און בלויז אין פאָרעם פון אַ קאַריקאַטור. דער דאָזיקער סאַרקאַזם האָט אונדז ייִדן קיין מאָל ניט געהאָלפן. דאָס פאָלק, אמת, האָט געלאַכט, אָבער דאָס געזונטע לאַכן איז נישט אַריינגעדרונגען אין דעם „היכל־הספר“, אין דעם „טעמפּל“ פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור. עס האָט אַהין נישט געקענט אַריינגיין, ווייל מ׳האָט אים נישט דערלאָזט.

די שרייבערס פאַר שלום עליכמען, האָבן געשריבן ווי אויסערלעכע באַאָבאַכטער פון אונדזער פאָלק, נישט אין איינעם מיט אים. אַפילו מענדעלע נוצט די סאַטירע. שלום עליכמס איבערגאַנג פון סאַטירע צו הומאָר — איז אַ פּראָדוקט פון זיין עוואָלוציע. מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז פון די שרייבערס, וואָס דער אָנהייב איז פון זייער שרייבן אָבער נישט פון זייער שרייבן. ווען שלום עליכם באַפרייט זיך פון מענדעלעס ווירקונג, ווערט ער אונדזער שלום עליכם.

שלום עליכם האָט געוואָלט לאַכן, „לאַכן שטענדיק און אַ סך", אָבער זיין צייט איז געווען אַ צייט פון ענדערונגען אינעם יידישן לעבן: פון פּאָגראָמען, פון השכלה, פון עמיגראַציע און. דער קלאָגעדיקער שפּאַס אינעם יידישן לעבן האָט זיך נאָך געצויגן און געצויגן. ראַיאָ מאַנאַ, דער נביא וואָס נאָמבערג דערציילט וועגן אים אין זיין אינדישע לעגענדע, האָט געזען, אַז דער גאָט פון געלעכטער האָט צוויי פּנימער געהאַט: איינס האָט געלאַכט, דאָס אַנדערע האָט געוויינט. דאָס איז אונדזער שלום עליכם: „כ'וואָלט מיר גערן לאַכן, אָבער... ווען איך הייב נאָר אָן צו לאַכן, גיסן טרערן זיך אַליין". סימפּאַטיע איז מיטגעפיל מיטן אַנדערן, מיטליידן און מיטפרייען. שלום עליכם האָט זיך מיטגעפריידט מיט זיין פאָלק, געלאַכט און געמאַכט אַז אַנדערע זאָלן לאַכן: האָט געקוקט אויף זאַכן אָפּטימיסטיש, מיט הומאָר, כאָטש זיי זיינען געווען טרויעריקע. ער האָט אונדזער פאָלק געטרייסט, אָבער נישט סתם געטרייסט: „ס'וועט זיין גוט, האָט האָפענונג", נאָר ער איז געווען ווי אַ פאָלקס־רופא: געמוטיקט און געהיילט.

שלום עליכם איז נישט קיין קאָמיקער, ער איז אַ הומאָריסט. ער נוצט קאָמישע עפעקטן, אָבער דער תוך־ענין איז אַ הומאָריסטישער. ער איז נישט אָן אויסלאַכער, נאָר ער לאַכט אין איינעם מיטן פאָלק, ער לאַכט פון זיך אַליין; און דער וואָס לאַכט פון זיך אַליין, איז שוין מער נישטאָ וואָס פון אים צו לאַכן, ער הערט אויף צו זיין קאָמיש; דער וואָס פאַרשטייט זיי־נע פעלערן, דער קען זיי פאַרריכטן, דער קען זיי אויסמיידן.

מיר קומען צו אַ נייער פראַגע: וואָס איז הומאָר? הומאָר איז דער ער־שטער רעפלעקס, דער ערשטער ענטפער אויף אַ סאָציאַלער פּראָבלעם, ער איז דער וואָרטזאָגער פון אַ ליכטיקער צוקונפט, פון דעם „עתיד הקרוב". און, דעריבער, ווייל יעדעס פאָלק, יעדע גרופּע מענטשן זוכן אין זייער ליטעראַטור דעם קוואַל פון האָפענונג, פון מוט, פון ווילן צו לעבן, אַזוי האָט אויך געטאָן אונדזער פאָלק, און שלום עליכם אין דער ליטעראַטור.

אונדזער שרייבער איז אַ רעאַליסט. אָבער כדי צו קומען צו דעם דאָ־זיקן געדאַנק, דאַרפן מיר פריער זען די געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע פון אונדזער פאָלק אין לעצטן דריטל פון 19טן י"ה און די ערשטע פופצן יאָר פון 20סטן י"ה, דאָס הייסט די יאָרן אין וועלכע שלום עליכם האָט געשריבן.

מיר זעען דעם מנחם־מענדלשן כאַראַקטער, דעם „לופט־פליער", דעם אומרעאַליסטישן ייד, וואָס זעט נישט דיווירקלעכקייט, אַ טיפּ וואָס איז אַ

רינגל אין דער גרויסער קייט פונעם שיקזאַלהאַפטיקן ייִדישן לעבן, אַ לעבן ווו קינדער זיינען קליינע ייִדעלעך נאָר „עס פעלט זיי אַ בערדל״.

דעריבער זיינען שלום עליכמס קינדער־העלדן 7־8 יאָריקע קינדער, נישט קיין דרייצן יעריקע, ווייל קינדער פון דעם עלטער זיינען דעמאָלט שוין געווען דערוואַקסענע „מענטשן״, אַ פּאַר „מנחם־מענדליזירטער״, אַ ברודער אליה, אַ פיניע, אָבער נישט דער געשטאַלט פון אַ מאָטל.

קינדער־געשטאַלטן זיינען דאָ אויך פאַר שלום עליכמען. אָבער דאָס קינד ביי די אַנדערע שרייבערס איז נישט קיין אמת קינד געווען. למשל, ביי דינעזאָנען רופט דאָס קינד אַרויס רחמנות, דער יתום מאַכט אונדז וויינען ווי אַ ווערבע, מאָטל — ליבשאַפט.

אַפילו מנחם־מענדלען שטעלט ער פאַר מיט ליבשאַפט, נישט מיט קיין סאַרקאַזם, נאָר מיט הומאָר, נישט מיט קיין איראָניע. דער פּאַטאָס מאַכט הייסט די לופט אַרום זיך, דער הומאָר — באַקוועמלעך, היימיש, דערפאַר האָבן ייִדן, ווען זיי האָבן געלייענט „מנחם־מענדל״, געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון זייערע אייגענע היימען. געזען די פעלערן און געזוכט זיי צו פאַרריכטן. דערפאַר איז שלום עליכמס אַ בוך געוואָרן ווי דער סידור, ווי די תורה פאַר די ייִדן, נישט ווי זיי הייליק, נאָר מער ליבלעכער, מער היימישער, מער נענטער. ווייל שלום עליכם איז אַ רעאַליסט, זיינען דערפאַר זיינע ווערק נאַציאָנאַלע. טביה, מנחם־מענדל און מאָטל זעען מיר זיי אַלע פאַר אונדזערע אויגן ווי זיי וואָלטן געלעבט.

שלום עליכם באַשרייבט אונדז דעם כלל דורך די יחידים, דערפאַר האָט ער אונדז געלאָזט אַ גאַלעריע פון געשטאַלטן.

דערפאַר וועט די צייט נישט אָפּווישן, נישט מאַכן פאַרגעסן שלום עליכמס ווערק. וואָרעם זיי ווייזן אונדז דאָס מענטשלעכקייט אין אַ צייטלעכן מלבוש.

דער דיכטער איז געשטאָרבן, אָבער זיינע ווערק אין וועלכע ער האָט באַשריבן דאָס לעבן פון אונדזערע זיידעס און באָבעס, וועלן שטענדיק זיך האַלטן פריש, ווי ביים ערשטן מאָמענט.

אין 1908 האָט בעל־דמיון געשריבן: „אויב די וועלט וואָס שלום עליכם האָט באַשריבן וואָלט פאַרשווונדן, אויסגעמעקט געוואָרן, וואָלטן מיר עס געקענט צוריק אויסבויען לויט די ווערק פון שלום עליכם״.

שלום עליכמס ווערק וועלן שטענדיק זיין די וועגווייזער פאַר די היינטיקע און קומענדיקע דורות. אויב נצח ישראל איז אַן אמת, איז נצח טביה — די אייביקייט פון שלום עליכמס ווערק — אויך אמת.

חביבה גיווערצמאַן, 17 יאָר
מחלקה ו׳, סעמינאַר
קאָנקורס־נומ׳ 14 3טע פרעמיע

פאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער

שלום ראַבינאָוויטש איז נישט פּאָפּולער, אָבער זיין פּסעוודאָנים: „שלום עליכם״ קען די גאַנצע וועלט, גרויסע און קליינע, יידן און נישט־יידן. פאַר וואָס? כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, דאַרף מען אַריינדרינגען ניט נאָר אין שלום עליכמס טיפער פערזענלעכקייט, נאָר אויך זען די פאַרבינדונגען מיט זיין עפּאָכע.

אונדזער שרייבער האָט זיך אין זיין עפּיטאַף אַליין פאַרגעשטעלט ווי אַ ייד אַ פּשוטער, אָבער ער איז אַזוי פּשוט נישט געווען! נישט אומזיסט האָט אים דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו גערופן „דער לאַכעדיקער פילאָסאָף״.

שלום עליכם פילאָסאָפירט און לאַכט וועגן אַלץ וואָס זיינע אויגן זעען, וועגן וואָס ער הערט און פאַרשטייט.

שלום עליכמס גרעסטער אויפטו איז געווען, וויזן אַז די קליינשטעטל־דיקע יידן זיינען רירעוודיק, און זיי קענען פליען, פליען, פליען.

מנחם־מענדל, אַ ייד וואָס וויל מאַכן געשעפטן און מיליאָנען, אָבער ער האָט אַפילו נישט קיין וואַסער אויף קאַשע, פליט קיין אַמעריקע! ער פּרובירט, ער לויפט! פאַלט דורך, אָבער הייבט אָן פון דאָס ניי. דער קאַסריליקער רוט נישט, ער איז אַקטיוו, ער פילט זיך נישט דערשלאָגן, ער גלייבט אין גאָט!

אויך טביה דער מילכיקער איז אַזאַ ייד. ער האָט צרות, ערליידט, אַרום און אַרום פּראָבלעמען מיט זיינע טעכטער, פרוי, און גויים. נאָר... גאָט וועט העלפן. טביה גלייבט, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן. ער מאַכט אונדז לאַכן דורך טרערן!

שלום עליכם האָט געזען די ווירקלעכקייט, אָבער אויך אונטער דער ווירקלעכקייט האָט ער דערפילט די פאַרבאָרגענע, דינאַמישע כוחות וואָס זיינען פאַראַן אין די יידישע הערצער און מוחות און וואָס ווירקן אויף זיי און לאָזן נישט רוען.

דער גייסטיקער און עקאָנאָמישער דלות פון די קאַסרילעווקער ייִדן, פון די אָרעמע ייִדן אין די קליינע שטעטלעך, רופן ביי אונדז אַרויס ניט קיין רחמנות, נאָר האָפענונג! ווייל זיי סובלימירן מיט הומאָר די ליידן, די צרות, די פּראָבלעמען!

בעת מענדעלע האָט אין זיינע ווערק באַשריבן די ייִדן פון די שטעטלעך אָן כוחות צו קעמפן... און פּרץ האָט געוויזן אַז אין די הונגעריקע ייִדן איז אויך פאַראַן דערהויבנקייט, בענקשאַפט... האָט שלום עליכם געמאָלן די קליינשטעטלדיקע ייִדן און געוויזן אַז זיי פאַרלירן נישט די קעפּ, ווי אָרעם זיי זיינען, און אויך פאַרלירן זיי נישט דעם מוט, ווי אומגליקלעך זיי זיינען! זיי גייען ווייטער אויף דעם שווערן, אָרעמען וועג פונעם לעבן... נישט טרויעריק, אַפילו ווען די פּאָגראָמען קומען! נישט טרויעריק, אַפילו ווען מען טרייבט זיי! טביה דער מילכיקער איז אַזאַ מוסטער, אַ ביישפּיל. ער אַרבעט, פּרובירט און האָפט!

די קליינשטעטלדיקע ייִדן, די אָרעמע, האָפן אויף בעסערע און גליקלעכערע צייטן, פאַרלירן ניט די קעפּ און דעם מוט, ווייל עס איז אין זיי פאַראַן אַן אינערלעכע קראַפט וואָס טרייבט זיי, לאָזט זיי ניט רוען. אַ דאַנק דער האָפענונג, דעם מוט, וואָס האָט געהערשט אין די ייִדישע הערצער האָבן די אָרעמע ייִדן געקענט ווייטער קעמפן, ווייטער גיין... ווייטער שפּאַנען! ווייטער פּרובירן: אַ ניי געשעפט, אַ נייע שטוב, אַ נייעם דאַרף... אָבער... זיינען זיי געגאַנגען ווייטער נאָר צוליב דעם, ווייל די ייִדן האָבן סובלימירט מיט מוט און האָפענונג זייערע צרות און ליידן? איך מיין, אַז נישט. שלום עליכם ווייזט אונדז דורך זיינע טיפּישע געשטאַלטן, אַז ס'איז געווען אַן אַנדער פאַקטאָר וואָס האָט זיי דערלויבט קעמפן ווייטער. דער פאַקטאָר איז — הומאָר.

די ייִדן, כאָטש זייער סיטואַציע איז אַ שלעכטע געווען, האָבן געלאַכט פון די צרות, האָבן געלאַכט פון פריידן... פון דעם לאַכן אַליין האָבן זיי געלאַכט! אפילו נאָכן וויינען, פאַרבייסן זיי מיט אַ שמייכל.

שלום עליכם איז דער, וועלכער ברענגט אַריין אין דעם ייִדישן לעבן דעם באַוווּסטזיין, אַז אין זיין צייט, סוף 19טן און אין אָנהייב פון 20טן י"ה איז הומאָר געווען די בעסטע רפואה פאַרן פאָלק.

אויף טריט און שריט איז געווען פון וואָס צו וויינען און ליידן: פּאָגראָמען, פאַרפאָלגונגען, פּערזענלעכע צרות האָבן אויך ניט געפעלט, נאָר... בעסער איבערטראָגן די צרות מיט אַ שמייכל... מיט האָפענונג און מיט הומאָר!

מיר האָבן אין אַלע זיינע ביכער מוסטערן,ביישפּילן; טביה... מנחם מענדל... מאָטל... אַלע רעדן אַליין... זיי לעבן דערפֿאַר אין די ייִדישע הערצער, אין די ייִדישע מוחות... אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„מיר איז גוט, איך בין אַ יתום" — אַ ייִנגל וואָס לאַכט!... אים איז אַלץ גוט. דאָס לעבן גייט ווייטער. נו, זאָל עס גיין ווייטער, אָבער מיט אַ שמייכל, מיט גליק, מיט הומאָר!

שלום עליכם האָט געשאַפֿן אַ שטעטל „קאַסרילעווקע", אָבער ער באַשרייבט אייך אַלע שטעטלעך פֿון זיין צייט. ער מאָלט מנחם־מענדלען, טביהן, מאָטלען... אָבער דורך זיי באַקענען מיר זיך מיט אַ סך, אַ סך טביהס, מאָטלס, וואָס האָבן געפֿילט ווי זיי, געלעבט ווי זיי, געשמייכלט ווי זיי... דורך זיינע געשטאַלטן באַקענען מיר זיך מיט די אַלע דאָרפֿישע און שטעטלדיקע מענטשעלעך... ער האָט געמאַכט רעדן אַלע געשטאַלטן, און דורך זיי, רעדן אַלע ייִדן, פֿילן אַלע ייִדן, לעבן אַלע ייִדן!

אַלע האָבן געלעבט אין נויט ווי זיי, געקעמפֿט ווי זיי... אָבער אויך סובלימירט די ווייטיקן מיט אַ שמייכל... אַזוי איז הומאָר, געלעכטער, געוואָרן דער טעראַפּעוטישער מיטל צו קענען איבערטראָגן די צרות פֿונעם יחיד און פֿונעם גאַנצן פֿאָלק.

שלום עליכם, דער סטילמייסטער, באַשרייבט אונדז דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין פּוילן, רוסלאַנד, דערנאָך אין נאָרד־אַמעריקע, און גיט אונדז אַן אַלגעמיינעם באַגריף און בילד פֿון דער גאַנצער סיטואַציע און פֿונעם לעבן אין יענער צייט.

בעת מיר לייענען זיינע אומשטערבלעכע ווערק, אידענטיפֿיצירן מיר זיך מיט די געשטאַלטן, מיר לעבן דורך מיט זיי די צרות, דיליידן... און אויך לאַכן מיר ווי זיי, אַמאָל נישט ווילנדיק...

ווי זאָלן מיר נישט לאַכן, אַז זיי אַליין לאַכן און וויצלען זיך אַפֿילו ווען די לאַגע אַרום זיי ברענט און מיר מיינען אַז אָט, אָט, וועלן זיי פֿאַרלירן דעם מוט!...

מיר לעבן דורך מיט מנחם־מענדלען די דורכפֿאַלן פֿון זיינע געשעפֿטן; זיין רירעוודיקייט און ענטוזיאַזם; מיט טביהן — זיין בענקשאַפֿט און האָפֿענונג... מיט מאָטלען — זיין הומאָר און זיין לעבעדיקייט...

שלום עליכמס אומשטערבלעכע געשטאַלטן האָבן אַריינגעשריבן אויף שטענדיק זייערע נעמען אין די בלעטער פֿון אונדזער ברייטער, טיפֿער

ליטעראַטור און געשיכטע. זיי לעבן אין אונדזערע הערצער ווען מיר לייענען שלום עליכמס ווערק, און אין אונדזער ליטעראַטור וועלן זיי בלייבן ווי אַ מוסטער פון אַ צייט, אַן עפּאָכע, וואָס איז אַדורך, אָבער לעבט נאָך! ווי אַזוי זאָלן מיר נישט ליב האָבן שלום עליכמען! איך האָב אים ליב, ווייל זיינע ווערק זיינען אַ פּיעדעסטאַל אין דעם יידישן לעבן און ליטעראַטור; ווייל ער מאָלט די געשטאַלטן מיט לעבעדיקע קאָלירן און באַלייכט דעם אמת מיט אַ שטראַלנדיקן ליכט פון אָפּטימיזם !...

דערפאַר לעבט שלום עליכם. דערפאַר וועלן דורות אים ווייטער לייענען און ווייטער קוועלן פון זיינע שטיפערישע, הומאָריסטישע און וווּנדערלעכע פּאַראַגראַפן... דורות וועלן אַדורכגיין און מע וועט אַלץ לייענען שלום עליכמס ווערק.

מרים רבקה לערמאַן, 17 יאָר
סעמינאַר, מחלקה ו'.
קאָנקורס־נומ' 8 3טע פרעמיע

וואָס וויים איך וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע

(געשיכטע און אַנטוויקלונג)

דעם 25סטן מיי 1960 (מיט זעקס יאָר צוריק) האָט די גאַנצע אַרגענטינער באַפעלקערונג, דאָס הייסט יידן און נישט יידן, געפייערט דעם 150סטן יובילײ פון דער באַרימטער און וויכטיקסטער דאַטע אין דער אַרגענטינער געשיכטע: די מײַ־רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אַן בלוט־פאַרגיסונג.

דעם זעלביקן יאָר, עטלעכע מאָנאַטן שפעטער, דעם 11טן נאָוועמבער, האָבן מיר, יידן אין אַרגענטינע, געפייערט אונדזער 100סטן יובילײ אין דעם לאַנד.

אין דער זעלביקער דאַטע, אין יאָר 1860, איז פאָרגעקומען אַן אויסער־געוויינלעכע און באמת וויכטיקע געשעעניש: צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידן אין אַרגענטינע, איז פאָרגעקומען אַ לעגאַלע חתונה פון אַן יידיש פאָרל.

פון דעמאָלט הייבט זיך אָן אונדזער געשיכטע און אונדזער אַנטוויקלונג אין דעם „גאָלדענעם לאַנד“ (ווי די ערשטע אימיגראַנטן האָבן געמיינט און טאָקע אַזוי געטראַכט אין זייער וואַנדערונג פון איין לאַנד צום צווייטן אין אַ כסדרדיקער זוכעניש נאָך אַ שטיקל ברויט און רו פאַר זייערע גע־פייניקטע און געמאַטערטע נשמות).

אָבער דאָס וואָלט נישט מעגלעך געווען, אויב עס וואָלט פריער נישט פאָרגעקומען די מײַ־רעוואָלוציע, די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע און אויך די לעגאַליזאַציע פון די געזעצן פון יאָר 1853. נאָך די פאַסירונגען איז קלאָר מאַניפעסטירט געוואָרן, אַז „אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, נישט קוקנדיק אויף זייער מקור, ראַסע און רעליגיע, מעגן קומען אין דעם

אַרגענטינער לאַנד מיטן בלויזן תנאי פון וועלן באַאַרבעטן אין שלום און אין פרייהייט די ערד פון דעם היגן פאָלק״.

אָבער מיר דאַרפן דאָך נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דעם איז אַרגענטינע געווען אַ שפּאַנישע קאָלאָניע, און אַז אין לימאַ איז נאָך געווען די אינקוויזיציע, וואָס איז מיט אירע שוואַרצע פליגלען צוגעקומען און אויך אָנגערירט דאָס דאָזיקע דרומדיקע לאַנד.

מיר ווייסן נישט גענוי וואָס עס איז פאָרגעקומען פריער מיט די ייִדן וואָס האָבן דאָ געלעבט, וואָס איז מיט זיי געשען, ווי אַזוי האָבן זיי דאָ געלעבט.

מיר קענען נישט דייטלעך און פּינקטלעך אויף דעם ענטפערן, אָבער מיר קענען זיכער זיין, אַז זיי האָבן געלעבט שטענדיק פאַרשטעלט, זיי זיינען געווען מאַראַנען, און מיר קענען זיך פאָרשטעלן זייער מאַרטירערשאַפט און זייערע ליידן. זייער גורל איז באמת געווען אַ מוראדיקער און אַ שרעקלעכער. צוליב דער אומגליקלעכער עקסיסטענץ פון דער אינקוויזיציע, האָבן זיי נישט געקענט רויק טראַכטן וועגן זייער מאָרגן. און אפשר איז אין זייערע אָדערן געפלאָסן ייִדיש בלוט. ווער ווייסט? און ווען קען עס וויסן?

נאָכן יאָר 1860 האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען צו די ברעגן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, מאַסן ייִדישע אימיגראַנטן; דערדריקטע, געפּייניקטע, אָן אַ האָפענונג אין דעם מאָרגן, אָן אַ שטיקל ברויט. אָט די זיינען געווען די מאַסן געליטענע ייִדן, וואָס האָבן דורכגעלעבט די שוידערלעכע פּאָגראָמען אין יאָר 1880 אין רוסלאַנד.

דער ספּעקטאַקל איז באמת געווען אַ טרויעריקער און פול מיט רחמנות צו זיי. עס האָבן זיך באַוויזן פרויען מיט קליינע קינדער איינגעטוליעטע שטאַרק צו זייער ברוסט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז זיי זאָלן נישט אַרויספאַלן פון זייערע שוואַכע הענט; אַ טייל פון זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט אונדזער הייליקסטן ספר, דעם תנ״ך, וואָס האָט אונדז דורות לאַנג געגעבן האָפענונג און פון וואַנען מיר האָבן געשעפּט מוט און אומקרוח אויפן מאָרגן.

זיי זיינען דאָ געקומען אַ דאַנק דעם באַראָן הירש, וואָס האָט געקויפט אַ שטיקל ערד אין דעם גרויסן און פרייען אַרגענטינע, כדי צו געבן די ייִדן אַ נייע היים און נייע באַדינגונגען אויפצובויען אַ ניי לעבן.

און דאָס וויכטיקסטע, די ייִדן האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער אַלטער

אַרבעט — צו ערד־אַרבעט, עבודת האדמה, צו דער אַרבעט פון אונדזערע אבות, צו אַגריקולטור. די יִיק״א איז געווען די רעפּרעזענטאַנץ פון באַראָן הירש אין אַרגענטינע, און זי האָט באַזעצט טויזנטער אימיגראַנטן אין לאַ פּאַמפּאַ, ענטרע־ריאָס, סאַנטאַ־פֿע, קאָריענטעס.

דעם 14טן אויגוסט 1889 איז צוגעקומען צו דעם אַרגענטינער ברעג די שיף „וועזער״ וואָס האָט געבראַכט מיט זיך 136 משפּחות, אַרום 832 נפשות. פריִער האָבן אַ סך געזאָגט, אַז די איז די ריכטיקע דאַטע אויף אָנצוהייבן אונדזער געשיכטע אין אַרגענטינע. אַזוי האָבן באַוויזן צו זאָגן אונדזערע צוויי וויכטיקסטע צייטונגען: „די פּרעסע״ און „די אידישע צייטונג״ ווען זיי האָבן געפייערט זייער 50 יאָר עקסיסטענץ. נאָך דעם האָבן זיך באַוויזן יידישע אינסטיטוציעס וואָס האָבן געווירקט אויף דעם לעבן אין דעם לאַנד. די ערשט־געקומענע אימיגראַנטן האָבן מיט לייב און לעבן געבויט אין אַרגענטינע אַ ניי לעבן, נייע ישובים און זיי האָבן נישט פאַרגעסן דעם ענין קולטור, דערציִען זייערע קינדער. זיי האָבן געבעטן ביכער און אַנדערע נייטיקע עלעמענטן און האָבן געשאַפן שולן (אַזוי ווי אַלפּערסאָן דערציילט אונדז), האָבן זיך צו דעם ספּעציעל אָפּגעגעבן די פּרויען).

די קהילה אין בוענאָס־איירעס האָט פאַרנומען און פאַרנעמט דעם וויכטיקסטן אָרט אין יידישן לעבן, ווייל זי אַדמיניסטרירט אונדזערע ענינים אין אַלע הינזיכטן. עס האָבן זיך באַוויזן שרייבערס וואָס האָבן באַשריבן אונדזערע אויפטוען דאָ אין דעם לאַנד.

מיר זיינען דאָ אין גאַנצן 20.000.000 איינוווינערס און פון זיי 500.000 יידן אין אַ שטח פון 2.800.000 קוו״קמ.

20 פּראָצענט פון די יידישע קינדער לערנען זיך אין די יידישע שולן, סעמינאַרן און אין העכערע יידישע לערן־אַנשטאַלטן.

צבי נח לאַנדוי, 16 יאָר
5טער יאָר לערער־סעמינאַר.
קאָנקורס־נומ׳ 24 סטימול־פּרעמיע

פאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער

שלום עליכמס לאַגע ווי אַ קינסטלער, אַלס יידישער שרייבער, איז ניט געווען פון די באַקוועמלעכסטע, איבער הויפּט בנוגע קריטיק און איבער הויפּט בנוגע דער יונגער יידישער אינטעליגענץ.

די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ בכלל, און די יונגע בפּרט, איז דעמאָלט געווען באַגייסטערט מיט חסידישן ברען פון זייער רבין — י. ל. פּרץ. פאַר זיי איז שלום עליכם געווען צו וואָכעדיק, צו ווייניק ראַפינירט, צו ווייניק קינסטלעריש, צו באַלעבאַטיש. נישט געקוקט אויף זייער שטימונג האָבן זיי געמוזט אָנערקענען, אַז שוין דעמאָלט איז שלום עליכם געווען דער באַליבסטער און פּאָפּולערסטער יידישער שרייבער; אַ חוץ דעם, האָבן זיי נישט געקאָנט לייקענען דעם אמתן קינסטלערישן טאַלאַנט פון שלום עליכם. מיר ווייסן, און זיי האָבן עס אויך געוווסט, אַז אַזעלכע זייטלעך ווי מיר געפינען ביי טביהן, מנחם־מענדלען אָדער מאָטלען, איז ער, און נאָר ער, האָט זיי געקאָנט שרייבן.

צוליב די אַלע סיבות האָט מען נישט געקאָנט אים אַוועקמאַכן מיט דער האַנט; האָט מען געמוזט וועגן אים שרייבן. אויב מיר לייענען די זאַכן וואָס מ׳האָט געשריבן וועגן שלום עליכמען וועלן מיר זען, אַז אַ היפּשע צאָל שרייבערס און קריטיקערס האָבן אין זייערע רעצענזיעס און אַרטיקלען נאָר געוואָלט פאַרענטפערן שלום עליכמס אמתן גרונט־געדאַנק: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן“.

דער שפּאָגל נייער באַגריף, אַז לאַכן צוליבן לאַכן אַליין איז געזונט, איז מענטשלעך, דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין. דערפאַר זיינען געקומען די טעזעס און היפּאָטעזעס, די זוכענישן און אויסטראַכטענישן פון אַ „טיפערן“, אַן „איינזאַמערן“ שלום עליכם. זיי האָבן נישט געקאָנט

באַגרייפֿן, אַז שלום עליכם דערגרייכט זיין קינסטלערישע גרויסקייט, זיין גוניאַלן טאַלאַנט נאָר דעמאָלט ווען ער איז מיטן פֿאָלק, מיטן עולם, מיט דעם זעלבן עולם וואָס זיינע ערשטע קריטיקערס האָבן נישט גענומען אין אַכט.

און אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם זעלבן עולם. שלום עליכם האָט טאַקע פּיל, זייער פּיל געטאָן פֿאַר אָט דעם עולם, פֿאַרן יידישן לייענער. נאָר אין שלום עליכמס זכות דאַרף מען דערמאָנען די ערשטע טריט פֿון דעם לייענער וואָס איז אַוועק פֿון דעם וואולגאַרן שונד, צו אמתער ליטעראַטור. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז אויב מענדעלע האָט געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט שלום עליכם אָנגעהויבן פֿורעמען דעם יידישן לייענער; און לויט ניגערס ווערטער, איז וויכטיקער שאַפֿן אַ לייענער פֿאַר דער ליטעראַטור, ווי שאַפֿן אַ ליטעראַטור פֿאַרן לייענער.

דער איז איינער פֿון שלום עליכמס וויכטיקסטע בייטראָגן פֿאַר אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אָבער חוץ פֿון דעם ביז איצט געזאָגטן, טאָרן מיר אויך נישט פֿאַרגעסן אַפֿילו אויף אַ מינוט, שלום עליכמס קאָנקרעטע בייטראָגן פֿאַר אונדזער ליטעראַטור.

טביה דער מילכיקער, מנחם־מענדל, מאָטל פּייסי דעם חזנס נייטיקן זיך נישט אין אונדזער חתימה כדי צו באַשטעטיקן זייער ווערט. זייער נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער ווערט איז שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרן נישט נאָר מצד דער קריטיק, נאָר אויך — פֿונעם פֿאָלק.

מיר ווילן דאָ זיך נישט אויסברייטערן וועגן די דריי מוסטער־שאַפֿונגען שלום עליכמס. מיר וועלן דאָ נאָר באַרירן איין אייגנשאַפֿט זייערע, און דאָס איז — זייער כאַראַקטער פֿון פֿאָלקס־שאַפֿונגען. און מיט דעם דערנענטערן מיר זיך צו אונדזער צענטראַלער טעמע: פֿאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער.

און דאָס איז דערפֿאַר, ווייל דער עולם, דאָס פֿאָלק אַליין, האָט אים תיכּף געקרוינט אַלס זיין אמתער, אַלס זיין וויכטיקער, אַלס זיין ערשטער פֿאָלקס־שרייבער, און דאָס פֿאָלק איז זיך קיין מאָל נישט טועה אין אַזעלכע זאַכן.

כדי דאָס צו פֿאַרשטיין, מוזן מיר זיך נישט באַנוגענען מיט דער דער־קלערונג אַז: „דאָס פֿאָלק ווייסט וואָס עס טוט", נאָר מיר דאַרפֿן אַריינדרינגען אַ ביסל טיפֿער אין שלום עליכמס שאַפֿונגען וועלן מיר זען אַז אָט די „פּאַר־ביקע גאַלעריע פֿון יידן און יידענעס", די שלום עליכם־משפּחה, די שלום עליכם־וועלט, האַלט אין איין זאָגן, האַלט אין איין שרייען צום פֿאָלק: „מיין

איינציקע שטרעבונג איז, זיין דיין אויסדרוק, מיין ווילן איז, זיין דיין שפּיגל. איך וויל דיר נישט איבערמאַכן, איך וויל דיר נישט „אויסמענטשלען“, איך וויל נאָר זיין דו“. די דאָזיקע שטרעבונג האָט אַ מקור, און אָט דער מקור איז אפשר דער טיפסטער זין פאַר אַן ענטפער צו דער פראַגע: פאַר וואָס שלום עליכם איז אַזוי באַליבט און פּאָפּולער.

מיר האָבן אויך איין זינען, אַז דער מקור פון שלום עליכמס באַליבטקייט ביים פאָלק איז צוליב זיין אהבת ישראל, אינעם ברייטסטן זין פונעם וואָרט. שלום עליכם האָט שטענדיק אין זינען געהאַט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, דאָס באַליבטע יידישע פאָלק שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין שאַפן. דאָס פאָלק איז געווען זיין שטרעבונג און ער אידענטיפיצירט זיך מיט אים, דערפאַר איז אַן אומזין פאַרצושטעלן זיך אַן איינזאַמען שלום עליכמען. אָבער מיט זיין גאַנצן אהבת ישראל וואָלט שלום עליכם נאָך נישט געקאָנט געווינען אַזאַ פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט ביים פאָלק ווען ער וואָלט נישט געווען שלום עליכם, ד״ה, דער געניאַלער שלום עליכם. מיט זיין טאַלאַנט האָט שלום עליכם געקאָנט שאַפן אַזעלכע „זייטלעך“ אַז ער איז טיף איינגעוועבט און איינגעוואָקסן געוואָרן אין יידישן לעבן. ער איז אַזוי איינגעוועבט און אַריינגעוואַקסן געוואָרן, אַז ער אַליין איז געוואָרן יידיש לעבן.

דאָס פאָלק האָט געוווּסט ווי אַזוי אים צו שאַצן. שלום עליכם איז באַלד געוואָרן אַ טייל פון דער יידישער היים, אַ טייל פון די יידישע אָוונטן, אַ טייל פון דער יידישער טראַדיציע, אַ טייל פונעם פאָלקס־פאַרמעגן. דערפאַר איז שלום עליכם געוואָרן פאַרן פאָלק מער ווי ליטעראַטור, מער ווי אַ שריפט־שטעלער: ער איז געוואָרן אַן אייגענער, אַן אויטענטישער אויסדרוק פונעם פאָלקס־גייסט.

פּרקי אבות הייבט זיך אָן אַזוי: „און משה האָט געגעבן יהושען די תורה, און יהושע צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים“, אא״וו. אויב מיר ציִען די קייט, די גאָלדענע קייט פון דער יידישער טראַדיציע ביז שלום עליכמען, קענען מיר זען ווי זיינע שאַפונגען זיינען געוואָרן אמתע פאָלקישע ספרים.

שלום עליכם איז אַ יוצא מן הכלל. אַלע בייטיקן זיך אין אַ שטיקל שלום עליכם; אפילו די וואָס האָבן געוואָלט אַריינטייטשן אין אים סאַטירישע כוונות און די אַסימילאַטאָרן פאַר וועלכע ער איז געווען בלויז פאָלקלאָר און נישט מער. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן אַ שטיקל שלום עליכם — על אחת כמה וכמה מיר, וואָס לעבן אונדזער יידיש לעבן און ווילן פאָרזעצן

דאָס ייִדישע לעבן פון דער חרובער מזרח־אייראָפּע אָדער דאָס נייע ייִדיש לעבן אין מדינת ישראל, מיר, וואָס ווילן בויען אַ המשך און ווילן גיין קעגן שטראָם, מיר נייטיקן זיך אין שלום עליכם. פֿאַר אונדז איז שלום עליכם דער מאַטעריאַל, די ציגל פון אונדזער צוקונפטיקן בנין.

דערפֿאַר וועט דאָס פֿאָלק שטענדיק ליב האָבן דעם גרויסן אוהב ישראל — שלום עליכם.

אברהם קאָול, 15 יאָר

שלום עליכם־מיטלשול, מחלקה ד׳.

קאָנקורס־נומ׳ 25 סטימול־פּרעמיע

פאַר וואָס איז שלום עליכם אַזוי באַליבט און פּאָפּולער

די לעצטע יאָרן פון 19טן און אָנהייב 20סטן י״ה, האָט זיך די לאַגע פון די ייִדן פאַרערגערט אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד. די רעגירונג האָט געמאַכט אָפטע פּאָגראָמען קעגן זיי. אויסגעטראַכט בילבולים. די ייִדן האָבן געמעגט וווינען נאָר אין באַשטימטע פּלעצער — אין „תחום המושב״. זיי האָבן ניט געטאָרט שיקן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס, און אַזוי אַלץ מערער און מערער באַגרענעצונגען. אין אַזאַ לאַגע איז געווען לאָגיש, אַז ייִדן זאָלן זוכן אַ מיטל זיך צו פאַרגייניקן, זוכן אַ טרייסט אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזערע טראַדיציעס, אין אונדזער רעליגיע און אויך אין וויזיעס, אָפט מאָל פּראָפעטישע. דאַן איז אויפגעקומען שלום עליכם ווי אַ „ווידערקול״ פון די ייִדישע מאַסן.

פון קינדווייז אָן איז ער געווען באַשערט און באַגליקט מיט אַ רייכן הומאָר, וואָס מע קען עס פאַרגלייכן מיט שרייבערס פון דער וועלט־ליטע־ראַטור, ווי, למשל, מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער מאַרק טווען, מיט דעם ענגלישן טשאַרלס דיקענס און אַנדערע.

שלום עליכם איז דער פאָרשטייער פון דעם ייִדישן הומאָר. אַ ווייטיק־לעכער און אַ צער־הומאָר, וואָס נאָר שלום עליכם האָט מיט אַזאַ הומאָר געקענט מאַכן לאַכן די מענטשן.

שלום עליכם האָט אָנגעהויבן צו געפעלן די לייענערס אַלץ מערער און מערער. ווען דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט, האָט ער מיט זיין הומאָר געמאַכט פריילעכער די מענטשן, מיט זיין הומאָר האָט ער אַריינגעגעבן האָפענונג און מוט.

שלום עליכם האָט אונדז געמאַכט לאַכן ווען אינעווייניק האָבן מיר געהאַט אַן איבערפלוס פון ווייטאָג און אַנגסט.

יידישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו שלום עליכמען און אים ליב האָבן. שלום עליכם האָט גענומען זיינע פּערסאָנאַזשן פון פּראָסטן פאָלק, צווישן די פשוטע פאָלקס־מענטשן, געלאַכט מיט זיי און זיי געגעבן נייע כוחות, כדי לייכטער צו מאַכן דעם וויטיק און צו האָבן מערער אָפּטימיזם. דערפאַר זיינען זיינע פּערסאָנאַזשן טיפן, נישט קיין העלדן; זיי גייען אַרויס פון די ביכער און ווערן אונדזערע חברים, אונדזערע פריינד, אַלץ מערער אינטים מיט אונדז.

שלום עליכמס ביכער רעדן וועגן פאָלק און זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען געקומען פון פאָלק, דאָס יידישע לעבן שפּיגלט זיך אָפּ דורך זיי.

מיר טרעפן קעגנזאַצן אין די טיפן „מנחם מענדל" און „טביה דער מילכיקער". ביידע בעלי־בטחון, אָבער מנחם־מענדל איז אַ לופט־מענטש און טביה דער מילכיקער איז אַ ייד וואָס לעבט מיט דערווירקלעכקייט. „טביה דער מילכיקער" מיט איינס פון זיינע ווערטלעך: „כל זמן שהנשמה בקרבי טאָר מען נישט פאַרלירן דעם בטחון" גיט אונדז מער מוט און מער זיכערקייט ווי מנחם מענדל מיט זיינע לופט־געשעפטן. נישט נאָר פאַר זיינע דערוואַקסענע יידישע טיפן האָט שלום עליכם געקראָגן אַזאַ שם, נאָר אויך פאַר זיינע קינדער־טיפן וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף זייער אַ הויכער מדרגה.

צווישן זיינע קינדער־דערציילונגען ציכענען זיך אויס „די פאָן", זיין טיפע דערציילונג „דאָס מעסערל" און דאָס בוך „מאָטל פייסי דעם חזנס". ווען מיר לייענען וועגן שלמהלע און דבורהלע אין „קידוש השם" פון שלום אַש, גלוסט זיך אונדז צו וויינען דערפאַר, ווייל זיין תוכן איז זייער אַ טרויעריקער, פון אָנהייב ביזן סוף, און ווען מיר לייענען שלום עליכמס באַרימט בוך „מאָטל פייסי דעם חזנס" קענען מיר זיך נישט איינהאַלטן פון לאַכן, הגם דער תוכן איז אויך זייער טרויעריק.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אַזוי גוט די פּסיכאָלאָגישע איבער־לעבונגען פון אַ קינד, זיין זינד און זיין חרטה, ווי שלום עליכם. אויך אַנדערע שרייבערס האָבן ליב געהאַט יידישע קינדער, ווי חיים נחמן ביאַליק, למשל, דאָס קענען מיר עס זען אין זיין באַרימט ליד „אונטער די גריניקע ביימעלעך", ווו צום סוף שרייבט ביאַליק אַזוי:

„אוי, מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע, כשרע אייגעלעך".

און דאָך האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען די נשמה פון ייִדישן קינד אַזוי גוט און טיף ווי שלום עליכם. מיט די דערציילונגען האָט שלום עליכם געמאַכט אַז אין יעדן דערוואַקסענעם מענטש זאָל אויפבליִען אַ שמייכל, און אויף יעדן טרויעריקן פּנים זאָל אָפט מאָל זיך באַווייזן אַ האַרציקער געלעכטער.

שלום עליכמס סטיל איז טאַקע געווען דער הומאָר, אָבער זיין ציל איז געווען דאָס מענטשלעכקייט, דאָס קענען מיר עס זען אין אַלע זיינע שאַפונ־גען. שלום עליכם איז אַזוי באַרימט געוואָרן און ער האָט געגעבן אַזוי פיל מאַטעריאַל וועגן אונדזער לעבן און פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ער איז פאַררעכנט צווישן די אבות פון אונדזער קולטורעלן אוצר. דערפאַר וועלן מיר, די ייִדישע יוגנט, קיין מאָל נישט פאַרגעסן אונדזער באַליבטן הומאָריסט און געטרייען שלום עליכם, וועלכער וועט בלייבן פאַר אונדז און פאַר דער וועלט ווי אַ סימבאָל פון מוט, האָפענונג און הומאַניזם.

שמואל חיים קאַוואַן, 18 יאָר
שלום עליכם-מיטלשול, מחלקה ה׳.

קאָנקורס-נומ׳ 2 סטימול-פּרעמיע

די השכלה באַוועגונג און איר השפּעה אויפן יידישן לעבן

מיר געפינען זיך אין 19טן יאָרהונדערט. צוליב פאַרשיידענע סיבות ליידן יידן פיזיש און גייסטיק. אין יענע צייטן הייבן זיך אָן צו אַנטוויקלען אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען קעגן יידן און זיי ווערן פאַרפאָלגט פון פריץ און פון רעגירונגען.

אין משך פון יאָרן קומט אויף אין דייטשלאַנד אַ רעפאָרעם-באַוועגונג, וואָס וויל אַריינברענגען אין יידישן פאָלק נייע פאָרמען פון לעבן און דורך דעם זיי איינגלידערן אין זייערע ווירט-לענדער ווי בירגער, מיט אַלע רעכטן, וואָס אַ פרייער בירגער קען פאָדערן.

למען האמת מוז מען דאָ באַשטעטיקן, אַז אין יענע יאָרן האָבן יידן געלעבט אין פאַרמאַכטע געטאָס, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים, וואָס האָט נישט דערלויבט אַריינצוקוקן אין דעם אַרום. ליידער, צום באַדויערן, האָבן די דאָזיקע רעפאָרעם-ווינטן אַריינגעטראָטן אין יידישן געטאָ מיט אַ זייער שטאַרקן אימפּעט, און דערפאַר, פאַרשטענדלעך, האָבן זיי געקראָגן אַזאַ קעגנערשאַפט.

געזונט וואָלט געווען דער פּרינציפּ און די טעאָריע פון אָט דער דאָזיקער באַוועגונג, ווען זי וואָלט געהאַט געקעמפט פאַר אינטעגראַציע.

און איצט, ווען איך האָב איך אַריינגעפירט אין דער טעמע, וועל איך איבערגעבן אַ פּאָר היסטאָרישע שטריכן פונעם גרינדער פון אָט דער דאָזיקער באַוועגונג. געווען איז עס משה מענדעלסאָן, געלעבט אין דייטשלאַנד, און ווי אַ מענטש פון אַלגעמיינעם וויסן, האָט ער געוואָלט אַריינברענגען וועלטלעכקייט ביי די יידישע מאַסן.

דער טערמין „וועלטלעכקייט" וואָלט נישט געווען אַזוי שעדלעך, ווען ער וואָלט נישט געקומען באַגלייט מיט אַסימילאַציע. נאָר צום באַדויערן איז דאָס אַזוי נישט געשען. גוט וואָלט געווען, ווען משה מענדעלסאָן מיט זיינע

אָנהענגער וואָלטן געוואָלט וועלטלעך מאַכן אונדזער לעבן. אָבער די השכלה האָט אויך געבראַכט מיט זיך נעגאַטיווע אַספּעקטן.

ווי ברוטאַל קלינגט דאָס וואָס די משכילים פלעגן שטענדיק אונטער־שטרייכן: „זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס". דאָס וויל זאָגן, אַז „ייִד" איז נישט דאָס זעלבע ווי „מענטש"! ניין, איך וועל נישט דערלויבן אַזאַ מין באַליידיקונג קעגן מיין געפּלאָגט פאָלק! צו וואָס האָבן מיר געשאַפן אונדזער געשיכטע, צו וואָס האָבן מיר געקעמפט פאַר אונדזערע רעכטן, אַז איצט זאָל קומען אַ פאַנאַטיקער מיט זיינע אידעען און וועלן אָפּווישן אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט, פול מיט פאַרדינסטן; פאַרדינסטן פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער גאַרער וועלט אַ יסוד פון מאָראַלישער אַנטוויקלונג, אַ המשך?

ייִדן האָבן געלעבט פאַרשלאָסן אין זייערע שטעטלעך און נישט גע־וואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. דאָס איז געווען ווי אַ פועל־יוצא פון זייער אייגענער אויפפירונג. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די אָפטע רדיפות, און זייער דערציִונג און זייער שטעלונג לגבי דער וועלט האָט נישט געקענט זיין קיין בעסערע וואָס זיי האָבן געקראָגן אין די חדרים און תלמוד־תורהס, אין די ישיבות.

אָבער ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט צעשטערט די דאָזיקע מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די ייִדישע מאַסן, האָט מען זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס פריִער האָבן זיי זיך עס נישט געשטעלט: וואָס הייסט אַ ייִד? צו וואָס זיין אַ ייִד? און דעמאָלט קומט פאַר דער גרויסער קריזיס פון הונ־דערטער טויזנטער ייִדן. דעמאָלט איז אָנגעקומען דער אמתער סאָציאַלער פּראָצעס וועגן אַסימילאַציע און אינטעגראַציע.

איך בין אַ גרויסער קעגנער, פון זינט איך האָב זיך באַקאַנט מיט אָט די ביידע קאָנצעפּטן, פון די, וואָס ווילן פאַרגלייכן אַסימילאַציע מיט אינ־טעגראַציע.

אַ מענטש מיט פּרינציפּן, און וועלכער לעבט אין אַ געוויס לאַנד, מוז זיך אינטעגרירן צו זיין געזעלשאַפט, און אויב ער איז אַ באַוווסטזיניקער ייִד, קען ער זיך נאָרמאַל אינטעגרירן.

אָבער לאָמיר זיך שטעלן די פראַגע: וועלכע זיינען די פאַקטאָרן וואָס ברענגען צו אַסימילאַציע? דער ייִד וואָס צווייפלט אין זיין ייִדישקייט (נאַציאָ־נאַל און נישט רעליגיעז) איז דער נעגאַטיווער פאַקטאָר, וואָס ברענגט צו אַסימילאַציע.

צום באַדויערן געפינען זיך אַפילו נאָך היינט אַזעלכע יידן, וואָס ווילן פאַרלייקענען זייער יידישקייט, און אַזעלכע יידן ווערן ווינציק רעספּעקטירט.

אַ גרויסע טייל פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך באַזירט אויף אָט די דאָזיקע נעגאַטיווע פּרינציפּן פון דער השכלה. אַ סך שרייבער פון דער עפּאָכע האָבן געהאַט אַ נייגונג צו סאַטיריזירן און אָפּלאַכן פון דאָס יידישע טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלע לעבן פון די יידן אין אייראָפּע.

אַפילו יצחק לייבוש פּרץ, דער פאָנען־טרעגער פון דער יידישער שפּראַך האָט אין זיינע שאַפונגען פון 19טן יאָרהונדערט קריטיקירט דעם רבין און די חסידישע באַוועגונג אין אַלגעמיין. ערשט שפּעטער, אין זיינע שאַפונגען פון 20סטן יאָרהונדערט, קערט ער זיך אום מיט ליבשאַפט צו זיין פאָלק און שטעלט אַוועק די חסידישע באַוועגונג און די גוטע יידן אויף אַ שיינער מדרגה.

דער גרויסער קריטיקער שמואל ניגער, זאָגט וועגן פּרצן אָט וואָס:

„פּרץ איז קיין מאָל נישט געווען קיין כראָניקער פון חסידיזם, ער האָט געניצט חסידות צו פאַרוואַנדלען זיינע פּערסאָנאַזשן אין חסידיש".

אַ סך שרייבער זיינען געווען וואָס האָבן דערנאָך איינגעזען, אַז די סכנה פון דער השכלה איז גרויס, אַז די פּרינציפּן אירע קענען ברענגען צו שמד.

גוט איז ווען מען באַקומט וועלטלעכע בילדונג, אָבער נאָר דעמאָלט ווען מען בלייבט געטריי צו אונדזערע אַלטע יידישע אוצרות. אַזאַ אינטעגראַציע מאַכט נישט חרוב אונדזער יידיש לעבן.

אָנטיילנעמער אין דרייצנטן יערלעכן תּלמידים־קאָנקורס ביים קולטור־קאָנגרעס פאַר אָנהייבשולן,
דעם 28סטן אויגוסט 1966

רחלע קונסט
7טער גראַד א׳, שלום עליכם־שול,
קאָנקורס־נומ׳ 9 · 1טע פרעמיע

אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס

ליבער חבר מאָטל:

כ׳האָב היינט, שבת פאַרנאַכט, באַקומען מיט גרויס הנאה דיינעם אַ בריוו. אין אים האָסטו מיר דערציילט וועגן דיין מאַמעס געזונט. איך האָב אָנגעהויבן זיך צו טראַכטן וועגן איר: אירע מאָגערע, דאַרע הענט, אַ שוואַכע און בלייכע פרוי און אַזאַ עמפּינדלעכע, אַז פאַר וועלכער זאַך ס׳זאָל נישט זיין, ברעכט זי באַלד אויס אין אַ געוויין.

דיין חבר פּיניע איז זייער אַ קאָמישער מענטש. ביי דער געזעגענונג, למשל, פלעגט ער קושן, צוליב זיין נידעריקע ראיה, אָדער אין שפּיץ נאָז אָדער אין באָרד אַריין. זען פּיניען קושן זיך, קען מען בלייבן אָן אַ בויך לאַכנדיק; מען דאַרף נישט האָבן קיין טעאַטער. ווען איך פלעג לייענען דיינע אַ מעשה, פלעג איך פילן און זיך פאָרשטעלן, איינער נאָכן אַנדערן, אַלע פּערסאָנאַזשן. איך האָף און וויל אַז דו זאָלסט קומען מיר באַזוכן, וועלן מיר זיך צוזאַמען פרייען.

כ׳וואָלט אויך געוואָלט, אַז דו זאָלסט קומען מיט דיין ברודער אליה. הגם ער פלעגט דיך שלאָגן,דאָך איז ער אַ געטרייער ברודער, וויל איך וויסן וואָס ער מאַכט און וואָס ער טוט.

איך בין זיכער, אַז ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט ער דיך נישט געשלאָגן; די אָרעמקייט האָט אים געבראַכט צו דעם.

אויב דו ווילסט, ברענג אויך מיט דיין שכנה, די גראָבע פּעסיע. הגם זי איז אַ פּלאַפּלערין, נאָר דאָך איז זי זייער אַ גוטע פרוי.

איך גריס האַרציק דיין משפּחה, ווייל זיי זיינען זייער ווילע מענטשן.

דבורה לעווין

7טער גראַד א׳ שלום עליכם־שול,

קאָנקורס־נומ׳ 7 . 2טע פרעמיע

אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס

טייערע חבר מאָטל:

כ׳האָב געלייענט דיין טאָגבוך. באמת זאָג איך דיר, אַז דיינע ווערטער האָבן מיך געקיצלט און ס׳האָט מיך געגלוסט צו לאַכן. ספּעציעל, ווען כ׳האָב געלייענט דיין באַרימטן זאַץ: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום״.

איך באַוווּנדער דיך, ווען איך זע ווי אַזוי אין די שווערסטע לאַגעס פאַר־טרייבסטו דעם צער און געפינסט מאָטיוון צו זיין פריילעך.

נאָר שלום עליכם, דיין באַשעפער, האָט געהאַט די קונסט אַריינצוקוקן מיט אַ טיפן בליק אין דער סביבה און דאָס באַשרייבן אויף אַ הומאָריסטישן אופן. ער האָט געשאַפן אַ סימפּאָניע פון מענטשלעכע געפילן וואָס מען קען פון איר קיין שום קלאַנג נישט אַרויסוואַרפן. ער איז אייגנאַרטיק ווי דאָס פאָלק פון וועלכן ער שטאַמט.

איצט וויל איך דיר פרעגן אַ פּאָר פראַגעס: וואָס מאַכט דיין מאַמע? (אין אַמעריקע וווינט זי אויך?), שרייבסטו צו פעסיען? און דיין חבר פּיניע וואָס מאַכט? איז ער נאָך בלינד ווי תמיד? צעקלאַפּט ער זיך אַלע מאָל דעם שטערן ווי פריער?

גוט. גריס אַלעמען אין מיין נאָמען און איך וואַרט אויף דיין ענטפער.

מיט ליבע,

דיין חברטע.

חוהלע קאַליעראָף, 12 יאָר,
ה. נ. ביאַליק־שול, וו. סאַהאָרעס, 7טער גראַד,
קאָנקורס־נומ׳ 22 3טע פרעמיע

אַ קבלת־שבת ביי מיר אין שול

ס׳איז פרייטיק, ערב שבת. זיצן מיר אַלע אַרום טיש אוןריידן וועגן אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן דעם טאָג אין שול.

הייב איך אָן צו דערציילן, ווי אַזוי איך האָב געפּראַוועט דעם קבלת־שבת אין שול. ווילט איר וויסן? גוט, אין שול האָב איך אַזוי געפּראַוועט דעם קבלת־שבת לכבוד דער שיינער מלכה שבת.

דאָס מאָל האָבן מיר געמאַכט אַ גרעסערן קבלת־שבת, ווי מיט צוויי וואָכן פריִער.

די ליכטעלעך פון דער מנורה זיינען געווען ווייס, ווייס פון עמאָציע. וואָס קען מאַכן אַז די ליכטעלעך זאָלן זיין עמאָציאָנירט? נאָר די לידעלעך וואָס מיר זינגען; לידעלעך לכבוד דער שענסטער מלכה.

לידעלעך פון פרייד צו דעם שיינעם טאָג שבת.

און מער פון אַלץ — לידעלעך פון ליבשאַפט.

און זיי זיינען געוואָרן ווייסער, ווען אַ מיידעלע האָט געבענטשט ליכט און ווען אַ יינגעלע האָט געמאַכט קידוש.

דאַן האָט די מורה אונדז געזאָגט: קוקט אויף די ליכטעלעך, זעט ווי זיי ווערן ווייס, ווייס ווי שניי.

האָבן מיר אַלע געקוקט און טאַקע אַזוי איז געווען. איך האָב אויך געזען ווי טרערן גייען אַרויס פון די ליכטעלעך.

הייב איך אָן טראַכטן: וואָס קען מאַכן, אַז די ליכטעלעך זאָלן וויינען? איז עס טאַקע ווייל זיי זיינען פריילעך, אָדער... זיי דערמאָנען זיך אין די פריִער־דיקע צייטן?

זיי קענען זיין פריילעך, ווייל זיי קוקן אויף אונדז און זעענדיק אַז מיר זינגען לידעלעך לכבוד שבת, זיינען זיי צופרידן.

און דער אַנדערער מאָטיוו קען זיין, אַז זיי געדענקען די צייטן ווען

אונדזערע ברידער האָבן געמאַכט די קבלת־שבתן אין קעלערס, כדי די נאַציס זאָלן זיי נישט זען. און ווען מען האָט זיי געזען, זיינען זיי קיין מאָל מער נישט אָנגעצונדן געוואָרן. אָבער עס איז בעסער צו טראַכטן, אַז זיי ווייִנען פון פרייד.

און נאָך דעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון טראַכטן און געזונגען מיט אַלע קינדער שבת־לידער.

ווען איך האָב פאַרענדיקט דערציילן, האָבן זיך אין די אויגן פון מיין מאַמען באַוויזן טרערן און אויפן פנים פון מיין טאַטן — אַן אויסדרוק פון פרייד.

די טרערן פון מיין מאַמען און די פרייד פון מיין טאַטן האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

חייקעלע באָריסאַניק, 12 יאָר,

י. ל. פרץ־שול, 7טער גראַד.

קאָנקורס־נומ׳ 16 2טע סטימול־פּרעמיע

אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס

ליבער מאָטל:

איך גלייב אַז דו ביסט געזונט, צוזאַמען מיט דיין מאַמען, דיין ברודער אליהו, זיין פרוי, פּיניע און טייבל.

איך האָב געלייענט דאָס בוך וואָס שלום עליכם האָט געשריבן און אין אים אַ סך קאַפּיטלעך פון דיין לעבן.

ביים אָנהייב האָב איך געלייענט, ווען דו האָסט פאַרקויפט קוואַס אין גאַס, און דערנאָך האָסטו אָנגעפּילט דעם קרוג קוואַס מיט זייף־וואַסער.

ווען דו האָסט זיך געגרייט צוזאַמען מיט דיין משפחה פאָרן קיין אַמע־ריקע.

אַזוי ווי שלום עליכם באַשרייבט דיין געמיט־צושטאַנד, מיין איך, אַז דו האָסט געלעבט אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט; דיין פריילעכקייט, ווען דו האָסט געטראַכט וועגן דער רייזע. איך האָב אַ סך געלאַכט פון אייער רייזע אין וואַגאָן און זיך עמאָציאָנירט ווען אייער שכנה פעסי מיט אירע קינדער און אַנדערע מענטשן האָבן אייך באַגריסט.

די לעצטע לעקטורן וואָס איך האָב פון דיר געלייענט זיינען געווען, ווען איר גנבעט די גרענעץ און די שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען ווען איר האָט געאַרבעט אין שאַפּ.

איצט וועל איך דערציילן פון מיר. איך לעב אין בוענאָס־איירעס, אַ גרויסע שטאָט.

איך לערן אין אַ ייִדישער שול, איך בין אין זיבעטן גראַד און עס גע־פעלט מיר זייער דיין בוך.

איך האָב אויך געלייענט פון קאַסרילעווקע, דיין געבוירן־שטאָט, ווי אַזוי מען פלעגט לעבן אין דער אַלטער היים. מסתמא בענקסטו קיין קאַסרילעווקע.

איך וויל, אַז אין דיין קומענדיקן בריוו זאָלסטו מיר דערציילן, ווי אַזוי דו לערנסט.

איך האָף צו קענען פאָרן אין דיין לאַנד, אַנישט זאָלסטו קומען קיין אַרגענטינע, וועל איך דיר ווייזן די שטאָט בוענאָס־איירעס, מיין שול, מיין שטוב.

אויב דו קענסט קומען, וועל איך זיין זייער צופרידן. דו וועסט זיך באַ־קענען מיט אַלע מיינע חברים.

אין מיין שטוב וועסטו זען די ביבליאָטעק וואָס איך פאַרמאָג און אַ סך פון די ביכער זיינען פון שלום עליכמען, פרצן און אַנדערע גרויסע שריי־בערס.

צווישן די ביכער וועסטו זען „מאָטל פּייסי דעם חזנס״.

גוט, איך האָב נישט מער דיר צו דערציילן. איך ווינטש דו זאָלסט זיין געזונט.

אַ סך גרוסן פאַר דיין משפחה.

רפאל לין, 10 יאָר
6טער גראַד, ח. נ. ביאַליק־שול פון ווידזשאַ סאַהאַרעס
קאָנקורס־נומ׳ 21 סטימול־פּרעמיע

אַ בריוו צו מאָטל פּייסי דעם חזנס

בוענאָס איירעס, 66.8.28

טייערער מאָטל:

כ׳וויל דיר פרעגן ווען האָט דיך באַשאַפן שלום עליכם, דער גרויסער פּאָעט און הומאָריסט.

כ׳האָב שוין געלייענט זייער אַ סך פון שלום עליכמס ביכער, זיי זיינען פול מיט שמחה.

ווען איך האָב געלייענט די לעקטור „קוואַס״ בין איך אויסגעגאַנגען פון פרייד, גליק; כ׳געדענק ווען דו האָסט געשריגן אין גאַס מיט אַ ניגון: „ייִדן, אַ געטראַנק, טעם גן־עדן, אַזאַ יאָר אויף אייך און אויף אונדז ביידן״. אָבער ווען איך דערמאָן זיך אַז דיין פּאָטער איז געשטאָרבן, בין איך פול מיט אומעטיקייט, כמעט איך וויין.

איך בין אויך זייער אַ שטיפער; יעדן טאָג ווערט עפּעס צעבראָכן ביי מיר אין שטוב אָדער איך קריג זיך מיט מיין „טייערן״ ברודער. איך שרייב דיר די פּאָר ווערטער בכדי מיר זאָלן זיך באַקענען, נישט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך מיט אונדזערע בילדער.

אין מיין לערנען געדענק איך דיר שטענדיק.

טייערער מאָטל, כ׳וויל דיר זאָגן אַזוי ווי אַ גוטער חבר זאָלסט נישט טשעפּען זאַכן פון דיין ברודער, ווייל ער וועט דיר שלאָגן; און זאָלסט נישט אויסמישן וואַסער מיט זייף אין דעם קריגל פון קוואַס, דו דאַרפסט גוט לערנען חומש אויף אויסנווייניק.

דיין ברודער אליה איז זייער אַ שטרענגער לערנענדיק דיך חומש, יאָ, איך ווייס דאָס, אָבער דו דאַרפסט אים פאָלגן, ער איז דיין עלטסטער ברודער.

איצטער וועל איך דיר רעדן וועגן מיין לעבן, איך בין דער בכור אין

מיין שטוב, אָבער מיין ברודערל יאָסל איז זייער אַ שטיפער און איך דאַרף אים נעמען צו אַלע ערטער ווו איך גיי.

כ׳וועל דיר דערציילן עפּעס אַ געשעעניש וואָס צוליב מיין ברודער האָב איך געכאַפּט פּעטש. מיין מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן אייער, ווי שטענדיק מיט מיין ברודער, כ׳בין געגאַנגען און געקויפט, איך בין אַרויס־געגאַנגען און יאָסל האָט מיך געגעבן אַ קלאַפּ; איך בין נערוועזש געוואָרן און האָב אַראָפּגעלאָזט דאָס קוישל. דערנאָך האָב איך אויפגעהויבן דאָס קוישל מיט די צעבראָכענע אייער. אַז מיר זיינען געקומען אַ היים און די מאַמע האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך געכאַפּט ביים קאָפּ און מיך באַשטראָפט.

טייערער מאָטל: איך דערצייל דיר דעם עפּיזאָד כדי דיר צו זאָגן, אַז דו האָסט געכאַפּט פּעטש פון דיין עלטערן ברודער אליה און איך האָב גע־כאַפּט פון מיין מאַמען צוליב מיין ייִנגערן ברודער.



די אָנטיילנעמער אין דרייצנטן יערלעכן תלמידים־קאָנקורס ביים קולטור־קאָנגרעס פאַר אָנהייבשולן, ביי דער אַרבעט

שמערקע קאַטשערגינסקי־קאָנקורס

פֿאַר יונגע יידישע שרייבערס

פֿון אַרגענטינע און שכנותדיקע לענדער

עס איז די שטרעבונג פון קולטור־קאָנגרעס צו סטימולירן באַגאַבטע יונגע מענטשן צו שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט, צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַ ספעציעלער ליטעראַטור־פאָנד אויפן נאָמען פונעם טראַגיש־אומגעקומענעם דיכטער־פאַרטיזאַן

דערציילונגען, לידער, עסייען, אויטאָביאָגראַפיעס און סצענישע שאַפונגען וועלן צוגעלאָזט צום יערלעכן קאַטשערגינסקי־קאָנקורס פאַר יונגע יידישע שרייבערס

דער קאַטשערגינסקי־קאָנקורס איז באַשטימט פאַר שרײַבער־אָנהייבערס פון אַרגענטינע, אורוגוויי, באָליוויע, בראַזיל, טשילע און פאַראַגוויי יונגע מענטשן ביז 28 יאָריקן עלטער וועלן צוגעלאָזן צום ליטעראַרישן קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס. אַ צאָל טאַלענטירטע שרײַבער־אָנפאַנגערס פון אַרגענטינע, אורוגוויי און טשילע זײַנען שוין פרעמירט געוואָרן אינעם קאַטשערגינסקי־קאָנקורס און די אויסגעצייכנטע שאַפונגען זײַנען אָפּגע־

דרוקט געוואָרן אין דער זאַמלשריפט „יונגער דור".

די פּרעמיע: 20.000 פּעזעס, צעטיילט אין דריי.

ביז סוף אַפּריל יעדעס יאָר דאַרף מען צושיקן די קאָנקורס־אַרבעטן. קאָנקורס־אַרבעטן דאַרף מען צושיקן צום קולטור־קאָנגרעס (אַזשאַקוטשאַ 483, ב. איירעס) אין צוויי עקזעמפּלאַרן, געצייכנט מיט אַ פּסעוודאָנים. אין אַ באַזונדערן קלענערן פאַרמאַכטן קאָנווערט דאַרף מען אָנגעבן דעם אמתן נאָמען פון יונגן מחבר, זײַן אַדרעס, פאָטאָ און ביאָגראַפישן סקיץ.

שענקט אייערע פריינד יידישע ביכער!

פאַרלאַג פון קולטור־קאָנגרעס

דובנאָוו ש.: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק 1—10
„ „ געשיכטע פון חסידיזם 1—3
„ „ דאָס בוך פון מיין לעבן 1—3
ראַווידאָוויטש ש.: שריפטן
לייוויק ה.: עסייען און רעדעס
מאַן מענדל, מלחמה־טרילאָגיע: ביי די טויערן פון מאָסקווע
„ „ ביי דער ווייסל
„ „ ווען בערלין איז געפאַלן
ניגער־פרעמיע — 1966.
אַלטמאַן משה: געקליבענע ווערק — (ל. מ. שטיין־פאָלקס ביבליאָטעק)
בעל מחשבות: געקליבענע ווערק
דיק אייזיק מאיר: געקליבענע ווערק
ווייסענבערג א. מ.: געקליבענע ווערק
ליעסין אברהם: זכרונות און בילדער
ד״ר זשיטלאָווסקי חיים: געקליבענע ווערק
קולבאַק משה: געקליבענע ווערק
רייזען אברהם: דערציילונגען
ראָזענפעלד יונה: געקליבענע ווערק
שטערן ישראל: לידער און עסייען
שפיגל י.: ליכט פונעם אָפּגרונט (**נאָוועלע**)
„ „ ווינט און וואָרצלען
וואָלף לייזער: לידער
„יוגנטרוף״ — **אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל**

צינבערג י. ד״ר: געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן 1—X
ניגער ש.: י. ל. פרץ
„ „ קריטיק און קריטיקער
„ „ יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד
„ „ בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור
„ „ שלום אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק
ראַפּאַפּאָרט י.: תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס (**אויספאַרקויפט**)
„ „ זוימען אין ווינט
אַשענדאָרף י.: לעצטע שריפטן
דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק
סוסקאָוויטש ש.: די צוויי קוואַלן פון מאַראַל
שאַצקי י. ד״ר: אליהו בחור
ראָזשאַנסקי ש.: יעקב דינעזאָן
אַלמי א.: ספינאָזאַ קאָנטראַ ספינאָזאַ
„אינאיינעם״ — **זאַמלביכער 1—2**
דערציִונגס־ענציקלאָפּעדיע 1—3
לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור 1—6
בלעטער פאַר יידישער דערציִונג
י. ל. פרץ: 10 לידער (**מיט נאָטן**)
לידער פון געטאָ און ווידערשטאַנד (**מיט נאָטן**)

פאַרשיידענע ביכער פון אויסלענדישע פאַרלאַגן:
(תל־אביב, פאַריז, ניו־יאָרק)

אויסצוגן פון א רייע באַגריסונגען צו דער פייערונג
פון לייגן דעם גרונטשטיין פון

„שמעון דובנאָוו-הויז"

אין בוענאָס-איירעס

צום יום־טוב פון לייגן דעם גרונטשטיין פון „שמעון דובנאָוו־הויז״ אין בוענאָס־איירעס, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס בויט — דורכגעפירט דעם 15־טן מאַי 1966 — זיינען דערהאַלטן געוואָרן פיל, פיל אָנשליסונגען פון אינסטיטוציעס, קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, פון אינערן פון לאַנד, פון שכנישע לענדער און פון וויטן אויסלאַנד.

אין דעם באַגרענעצטן פלאַץ, וואָס מיר האָבן אין אונדזער רשות, האַלטן מיר פאַר וויכטיק צו ברענגען אויסצוגן פון אייניקע באַגריסונגען.

דער נשיא פון מדינת ישראל, ר׳ זלמן שזר, האָט דורך דעם קולטור־אַטאַשע פון דער אַרגענטינער שגרירות, אריה בוסתן, געזאָגט צווישן אַנדערן:

ר׳ זלמן שזר, וועלכער איז געווען דובנאָווס אַסיסטענט, באַטראַכט די דאָזיקע צייט ווי די שענסטע פון זיין לעבן. דער שר פון דער יידישער געשיכטע האָט אַזוי געמאַכט, אַז 1860, איז דאָס געבוירן־יאָר פון דובנאָוו, ווי פון הערצלען״.

„ווייטע פאָליוסן און עקסטרעמען קומען זיך צונויף. דאָס דערשיינען פון דובנאָווס ווערק אין העברעיש איז געווען אַ יום־טוב אין ישׂראל און זעלטן אַ שטוב, וווּ זיי זאָלן נישט זיין״.

. . .„דובנאָוו האָט געוואָלט ווערן דער פּראָזאַיקער פון דער יידישער געשיכטע און איז אַליין געפאַנגען געוואָרן דורך דער דיכטונג און לירִיק פון יידישן קיום, און אויך דאָ, זינגען מיר מיטן אויפשטעלן דאָס דאָזיקע הויז זיין ליד פון יידישן קיום, וואָס האָט זיך נישט איבערגעריסן ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון קדוש״.

ד״ר אהרן שטיינבערג, דער באַקאַנטער עסעיִסט און איבערזעצער פון ש. דובנאָווס ווערק, שרייבט פון לאָנדאָן, צווישן אַנדערן:

„אייער גוטע בשורה וועגן דעם, אַז איר האַלט אין לייגן אַ גרונט־שטיין פאַר אַ בנין, וואָס וועט זיין געהייליקט דעם אָנדענק, דעם ליכ־טיקן, פון אונדזער ר׳ שמעון דובנאָוו זכרונו לברכה, און וואָס האָט צו ווערן, אין זיין זכות אַ מיטלפונקט פון ייִדיש נאַציאָנאַלער קולטור־אַרבעט אין אַרגענטינע, פאַרשאַפט מיר — הגם איך בין, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַן אָבל — פיל נחת״.

„זאָל אייך דער אייבערשטער העלפן און זאָל עס דעם דובנאָוו־בנין באַשערט זיין צו ווערן אין דער אמתן אַ בנין־אב ובן, אַ ועד־הויז, וואָס וועט צונויפבינדן אינעם אַרגענטינער ישוב, יונגן און ייִנגסטן דור אין אַ בשותפותדיקן שטרעבן צו דערהאַלטן, צו פאַרשפּרייטן און צו פראָגרעסירן אונדזער קולטור־ירושה בהסכם מיטן גייסט פון אונ־דזער היסטאָריקער״.

יודל מאַרק, דער באַוווסטער פילאָלאָג און פעדאַגאָג, זאָגט אין אַ לענטע צוגעשיקט פון ניו־יאָרק:

„איר טוט אַ מצווה צום גרויסן היסטאָריקער און טיפן דענקער, וואָס האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד אין אונדזער געשיכטע״.

„איך בין געזעסן ביי זיין טיש און געהאַט די זכיה צו זיין זיין תלמיד. איך דאַנק אייך דעריבער צוזאַמען מיטן ישוב, פאַר בויען אַ הויז: שמעון דובנאָוו״.

י. י. ראַפּאַפּאָרט, דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסעיִסט, שרייבט פון מעלבורן, אויסטראַליע, צווישן אַנדערן, אַט־וואָס:

„איר רעסטאַווירט די פאַרברענטע פאַרמעטן, כדי די אותיות־פורחות זאָלן האָבן אַן אָרט וווּהין זיך אומצוקערן און באַנייען זייער אַרבעט פון גייסט. אַ הויז „שמעון דובנאָוו״ איז אַ מקלט פאַרן ייִדישן גייסט. חזק ואמץ זאָג איך אייך פון גאַנצן האַרצן״.

מלך ראַוויטש, דער באַקאַנטער יידישער דיכטער, שרייבט פון קאַ־נאַדע:

„דובנאָוו האָט נישט נאָר געשריבן די יידישע געשיכטע — דורך זיין קרבן איז ער געוואָרן איינס מיט איר".

„אייער דובנאָוו־הויז — און זאָל עס נישט זיין אַ שטומער דענקמאָל — וועט אָטעמען מיט לעבן, קולטור און לערנען. און אויב עס איז דאָ אַ יענע־וועלט, אַן אמתע־וועלט — זאָלט איר געדענ־קען, אַז די אויגן פון דעם קדוש קוקן אויף אייער טאָן און בויען יידישע קולטור ווייטער און כסדר און אייביק".

בצלאל שערמאַן, דער סאָציאָלאָג און פובליציסט, זאָגט אין זיין בריוו פון ניו־יאָרק:

„מיט אויפריכטיקער פרייד האָב איך אויפגענומען די ידיעה, אַז דעם 15טן מאַי לייגט איר דעם גרונטשטיין פאַר דעם בנין אויף דעם נאָמען פון שמעון דובנאָוו, וואָס וועט זיין די היים פון די יידישע קול־טור־אַקטיוויטעטן אין אַרגענטינע".

„דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ יום־טובדיקער טאָג אין ווייטן ניו־יאָרק, און אין גייסט וועל איך זיין מיט אייך. איך דאַרף אייך נישט זאָגן, אַז איך פריי זיך מיט איטלעכן דערגרייך פון דער יידישער קולטור אומעטום אין דער וועלט, בפרט אין אַרגענטינע, וואָס איך באַטראַכט זיך פאַר אַ כמעט גייסטיקן מיטגליד פון איר קהילה און פון אירע קולטור־אינסטיטוציעס.

„מען האָט ביי אונדז אַזוי פיל צעשטערט, אַז עס איז אַ דערהוי־בונג צו הערן וועגן בוי".

ד״ר שלמה ביקל, דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסעיסט פון ניו־יאָרק, שרייבט:

„ווי הייסט עס דאָרט אין פאָלקסלידל? ווען איך זאָל האָבן פליגל וואָלט איך געפלויגן צו אייך, אין איינעם מיט אייך זיין ביי דער שמחה פון לייגן דעם גרונטשטיין צום בנין אויפן נאָמען פון אונדזער גרויסן היסטאָריקער, דעם קדוש שמעון דובנאָוו הי״ד".

„עס איז אַ פרייד צו וויסן, אַז איר גייט אויפשטעלן אַ יידיש הויז

און עס איז נישט ווייניקער פרייד, וואָס דער בנין וועט טראָגן דעם נאָמען פון אַ ייִדן, וואָס האָט באַשיינט אונדזער דור און וואָס אונדזער דור און די קומענדיקע גענעראַציעס בלייבן אים שולדיק אַ דאַנק פאַר זיין „וועלט געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״.

„עס איז גוט וואָס איר האָט אין זינען דעם חוב צו דאַנקען. איי־ער ערשטער דאַנק־אויפטו איז געווען דער תרגום־ייִדיש פון דובנאָווס ווערק. זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין״.

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס פון ניו־יאָרק, שרייבט אַט־וואָס:

„זייער חשובע פריינד: .

נעמט אָן אונדזער האַרציקע באַגריסונג און אונדזערע ברכות צו דער געלעגנהייט ווען איר לייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ נייעם בנין — אַ ייִדיש קולטור־הויז אויפן נאָמען פון דעם היסטאָריקער־קדוש שמעון דובנאָוו. זאָל דאָס זיין דער אָנהייב פון אַ נייעם פאַרמעסט און נייע שעפערישע מעשים לטובת אונדזער קולטור, ליטעראַטור און ייִדישער דערציִונג.

מיר האָבן תמיד אָפּגעשאַצט אייערע נייע און וויכטיקע איני־ציאַטיוועס אויף די געביטן פון פובליקאַציעס, יוגנט־אַרבעט און דאָס גלייכן. דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע איז פאַר אונדז אַלעמען אַ גרויסע דערמוטיקונג איצט, ווען די ייִדישע קולטור־באַוועגונג מוז מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען אין דעם פּראָצעס פון איבערבוי, וואָס קומט פאַר אין דעם הײַנטיקן ייִדישן לעבן״.

צו אַלע פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער קולטור

ווענדונג פֿון אַרגענטינער אָפּטייל פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישע קולטור־קאָנגרעס

דער אַרגענטינער אָפּטייל פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס איז געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1948 אויף אַ לאַנד־צוזאַמענפֿאָר פֿון איבער 50 ייִדישע קולטור און בילדונגס־אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע.

דער קולטור־קאָנגרעס זאָרגט פֿאַר דעם אויפֿהאַלט און דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די גייסטיקע ווערטן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און דערלאָזט נישט, אַז זיי זאָלן פֿאַרגעסן ווערן נאָך דעם ווי די שעפֿער פֿון די דאָזיקע ווערטן זײַנען אומגעקומען דורך דער נאַצישער פֿאַרניכטונג.

דער קולטור־קאָנגרעס קעמפֿט קעגן דער אַסימילאַציע דורך דעם וואָס ער סטימולירט און דערמוטיקט די ייִדישע שעפֿערישקייט פֿון אונדזער צײַט אין דעם לשון פֿון דעם קדושים־פֿאָלק.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן 16 בענדער פֿון אונדזער גרעסטן היסטאָריקער, דעם קדוש שמעון דובנאָוו, וואָס זײַן „וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק" איז אַ קוואַל פֿון גייסטיקער אינספּיראַציע און ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן.

דער קולטור־קאָנגרעס גיט איצט אַרויס די צען־בענדיקע „געשיכטע פֿון ליטעראַטור ביי ייִדן" פֿון דעם יחיד־במינודיקן היסטאָריקער ד"ר ישראל צינבערג, אַ ווערק וואָס איז ביים הײַנטיקן טאָג דאָס גרעסטע אין ייִדיש און העברעיִש וועגן די ליטעראַטור־שאַפֿונגען פֿון ייִדן אין אייראָפּע.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט געבראַכט צום ייִדישן לייענער די וויכטיקע און וואָגיקע ביכער פֿון ש. ניגער, דאָס באַרימטע ווערק פֿון ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש און אַ ריי אַנדערע ווערק פֿון ווערטפֿולן אינהאַלט.

ביים קולטור־קאָנגרעס זיינען עטאַבלירט דריי פּרעמיעס פאַר הייַנט־צייטיקע יידישע שרייבערס: 1) די ש. ניגער־פּרעמיע פאַר ווערק וואָס דער־שיינען אין דער גאַנצער יידישער וועלט, 2) די העקמאַן־פּרעמיע פאַר ווערק פון יידישע שרייבער אין דרום־אַמעריקע, 3) די ש. קאַטשערגינסקי־פּרעמיע פאַר יונגע שרייבער וועלכע ווייזן אַרויס ליטעראַרישע פעיקייטן.

יעדעס יאָר ווערט דורכן קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט אַ שילער־קאָנ־קורס פאַר די אָנפאַנגשולן און מיטלשולן וועלכע סטימולירט די תלמידים און די לערערס צו לערנען מיט מער פלייס די ליטעראַטור און געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

דער קולטור־קאָנגרעס אָרדנט איין אין משך פון יאָר אַ ריי אונטערנע־מונגען פון הויכן ניוואָ אין שייכות מיט קולטור־דאַטעס און קולטור־געשעע־נישן אין יידישן לעבן.

די טעטיקייט פון קולטור־קאָנגרעס ווערט געפירט אונטער דער לאָזונג:

„נאָר אַ הויכע און ערנסטע קוואַליטעט אין דער קולטור־אַרבעט, קען דערוועקן דרך־ארץ צו דער יידישער קולטור און אַ ווילן זיך מיט איר צו באַהעפטן".

די חשיבות פון אונדזער אַקטיוויטעט, די וויכטיקייט פון אונדזערע טע־טיקייטן לטובת דעם נאַציאָנאַלן אויפהאַלט פון יידישן לעבן, גיבן אונדז דאָס רעכט זיך צו ווענדן צו אייך מיט דעם רוף:

שליסט זיך אָן אין קולטור־קאָנגרעס, העלפט אונדז אין אונדזער אַרבעט, ווערט מיטגלידער און פּראָטעקטאָרן פון אונדזער און אייער יידישער קולטור־שעפערישער און קולטור־פאַרשפּרייטערישער אינ־סטיטוציע.

La Asociación Pro Cultura Judía otorga anualmente 3 premios a escritores judíos contemporáneos: 1) El premio Samuel Niger para obras aparecidas en todo el mundo judío. 2) El premio Josef Hekman para obras de escritores judíos de latinoamérica. 3) El premio S. Kaczerginsky para escritores noveles que demuestran talento literario.

Además, la Asociación Pro Cultura Judía realiza anualmente un concurso entre los alumnos de las escuelas primarias y secundarias cuyo fin es estimular a los alumnos y a los maestros para que profundicen con mayor ahinco en la literatura e historia de nuestro pueblo.

La Asociación Pro Cultura Judía organiza una serie de actos de alto nivel, íntimamente vinculados a acontecimientos y aniversarios culturales de la vida judía.

La actividad que desarrolla la Asociación Pro Cultura Judía se halla inspirada bajo el siguiente lema:

"Solo una profunda y seria capacitación en la labor cultural, puede despertar respeto por la cultura judía y una firme voluntad para identificarse con ella."

La valiosa actividad que desarrollamos, la importancia de nuestra labor en favor del patrimonio nacional judío, nos da derecho para dirigirnos a Ud. con el siguiente llamado:

Adhiérase a la Asociación Pro Cultura Judía, colabore con nuestra tarea, asóciese a nuestra institución que es el pilar fundamental en la difusión de los más altos valores culturales judíos.

A TODOS LOS AMIGOS DE LA CULTURA JUDIA

La Asociación Pro Cultura Judía en la Argentina fue fundada en el año 1948 en una Convención Territorial en la que participaron 50 instituciones de educación y cultura judía en Argentina.

La Asociación Pro Cultura Judía brega por el mantenimiento y la difusión de los altos valores espirituales del judaísmo del este europeo, procurando evitar por todos los medios que los mismos sean olvidados después que los creadores de los mencionados valores quedaron exterminados por la barbarie nazi.

La Asociación Pro Cultura Judía lucha contra la asimilación a través de distintos medios; fomenta y estimula la creación judía contemporánea en la lengua del pueblo-mártir.

La Asociación Pro Cultura Judía ha editado hasta la fecha 16 tomos de la obra de nuestro más grande historiador, Prof. Simón Dubnow, cuya "Historia del Pueblo Judío" es una fuente de inspiración espiritual y conciencia nacional judía.

La Asociación Pro Cultura Judía edita en estos momentos la obra en 10 tomos del insigne historiador Dr. Israel Zinberg "Historia de la literatura judía" obra que es conceptuada como la máxima creación literaria de los judíos en Europa, en idish y en hebreo.

La Asociación Pro Cultura Judía también ha presentado al lector judío las importantes obras de Samuel Niger, la famosa obra del Dr. Simón Rawidowicz y otra serie de títulos de incalculable valor.

XIIIטער יערלעכער
שילער-קאָנקורס

בוענאָס איירעס, 1966